עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

קונטרס ל"א

"אהבת חברים"

תוכן השיחה

'אחדות ישראל' קומט פון דער 'אחדות הפשוט'

נישט זיין קיין 'נצרך לבריות'

די געוואלדיגע תועלת פון א חבורה

"מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה"

'אהבת ישראל' און 'אהבת חברים'

"עיקר החיות הוא על ידי אהבת חברים"

די ליכטיגקייט וואס מ'באקומט פון חברים

'דער רבינ'ס זאך' פירט זיך אויס דורך חברים

דער 'כלליות הגוונין' וואס ברענגט שלימות

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 0 >1

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.540.1232 שלוחה 2>31

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

קנקן חדש מלא ישן

קו "רוחא דחיי" 02.540.1232

שמעו ותחי נפשכם

להשתתפות בהוצאת הקונטרס
ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת
שמחתכם או לזכרון יקיריכם

נא לפנות לטל' 0534159773

"אהבת חברים"

גדולת נפלאות האהבה בין הכשרים והיראים המקורבים לצדיק

[שיחה שנמסרה בחבורת האברכים בי"ש – י"ג כסליו תשפ"א]

'אחדות ישראל' קומט פון דער 'אחדות הפשוט'

- - אלע נפשות ישראל קענען זיך נישט מקבץ זיין, נאר דורך דעם וואס מ'איז ממשיך דעם אויבערשטן. דער אויבערשטער, ער האט באמת "**אחדות הפשוט**"[א], און וויבאלד אידן זענען באמת נמשך פון דעם אויבערשטן, דערפאר קענען זיי זיך מאחד זיין.

דאס הייסט, אז מ'זעהט א חבורה וואס איז זיך מחבר צוזאמען – דאס איז גילוי שכינה ממש; דאס איז א גילוי פון דעם אויבערשטן! יעדע נקודה

א. ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ב' תנינא. וראה בליקוטי הלכות הל' ריבית ה, א: וְאִם הָיוּ כָּל בְּנֵי אָדָם מִתְנַהֲגִים כָּךְ לִכְלֹל הַכֹּל בְּאֶחָד, בְּוַדַּאי הָיָה הַכֹּל בְּאַהֲבָה וְשָׁלוֹם וְאַחְדוּת, וְהָיָה כָּל הָעוֹלָם מְתֻקָּן בְּתַכְלִית הַתִּקּוּן, כִּי זֶה יָקָר מִן הַכֹּל, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, **כִּי בֶּאֱמֶת אַף-עַל-פִּי שֶׁדַּעַת כָּל אָדָם מְשֻׁנָּה מֵחֲבֵרוֹ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַף-עַל-פִּי-כֵן צָרִיךְ כָּל אֶחָד לֶאֱהֹב אֶת חֲבֵרוֹ כְּנַפְשׁוֹ וְלֵידַע שֶׁהַכֹּל אֶחָד, כִּי כָּל הַפְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת נִמְשָׁכִין מֵאֶחָד הַפָּשׁוּט**. וְה' יִתְבָּרַךְ בָּרָא כָּל אֶחָד בְּדֵעָה מְשֻׁנָּה מֵחֲבֵרוֹ דַּיְקָא, כְּדֵי שֶׁכָּל אֶחָד בְּשִׁנּוּי דַּעְתּוֹ יִכָּלֵל בְּאַחְדוּת עִם חֲבֵרוֹ, וְלֹא יָבוֹאוּ לִידֵי קִנְאָה וְשִׂנְאָה וּקְטָטָה, חַס וְשָׁלוֹם, עַל-יְדֵי שִׁנּוּי דַּעְתָּם, **רַק יֶאֱהָבוּ זֶה אֶת זֶה וִיקַיְּמוּ אֶת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת יַחַד וְיִכָּלְלוּ כֻּלָּם כְּאֶחָד, שֶׁזֶּה יָקָר**

וואס חברים זענען זיך מחבר צוזאמען אויף צו דינען דעם אויבערשטן, דאס איז ממש גילוי השכינה. ס'איז גילוי 'אחדות הפשוט' פון דעם אויבערשטן.

ווייל באמת וואלטן זיי זיך נישט געקענט מחבר זיין בשום אופן נישט, ווען נישט וואס זיי זענען אלע נמשך פון דעם אויבערשטן, און זיי האבן איין רצון און ווילן דינען דעם אויבערשטן, און דערנענטערט ווערן צום אים. דאס איז באמת די זאך וואס איז מאחד די אלע נפשות[ב].

מְאֹד אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ כְּשֶׁפְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת נִכְלָלִין בְּאֶחָד הַפָּשׁוּט, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה יְמֵי חֲנֻכָּה בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן ב, עַיֵּן שָׁם.

ובהל' ברכות הראיה ד, ג: נִמְצָא שֶׁעִקַּר הַחִיּוּת עַל-יְדֵי אַחְדוּת, עַל-יְדֵי שֶׁנִּכְלָלִים כָּל הַשִּׁנּוּיִים בִּמְקוֹר הָאַחְדוּת. וְהָעִקָּר תָּלוּי בְּהָאָדָם שֶׁהוּא עִקַּר הַבְּרִיאָה וּבוֹ תָּלוּי הַכֹּל כַּיָּדוּעַ. וְעַל-כֵּן "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" הוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, כְּדֵי לִכְלֹל בְּאַחְדוּת וְשָׁלוֹם שֶׁהוּא עִקַּר הַחִיּוּת וְהַקִּיּוּם וְהַתִּקּוּן שֶׁל כָּל הַבְּרִיאָה, עַל-יְדֵי שֶׁבְּנֵי אָדָם שֶׁמְּשֻׁנִּים בְּדֵעוֹתֵיהֶם נִכְלָלִים יַחַד בְּאַהֲבָה וְאַחְדוּת וְשָׁלוֹם.. **כִּי עִקַּר הָאַהֲבָה הִיא כְּדֵי לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ עִם הַטּוֹב שֶׁבְּכָל יִשְׂרָאֵל וְלִכְלֹל עִמָּהֶם יַחַד בְּאַהֲבָה וְאַחְדוּת כְּדֵי לְבַטֵּל כָּל הַשִּׁנּוּיִים וְלִכְלֹל בְּאֶחָד הַפָּשׁוּט יִתְבָּרַךְ**, שֶׁמִּשָּׁם כָּל הַחִיּוּת וְהַקִּיּוּם וְהַתִּקּוּן שֶׁל כָּל הָעוֹלָמוֹת כַּנַּ"ל.. **וְעַל-יְדֵי זֶה יֶאֱהֹב כָּל אֶחָד כְּנַפְשׁוֹ כַּנַּ"ל, וְאָז יִהְיֶה נִכְלָל עִם כֻּלָּם יַחַד בְּאֶחָד הַפָּשׁוּט עַל-יְדֵי הַטּוֹב שֶׁהוּא קִיּוּם הַתּוֹרָה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד. וְעַל-יְדֵי זֶה נִכְלָלִים כָּל הַשִּׁנּוּיִים שֶׁבָּעוֹלָם בְּאַחְדוּת, כִּי הַכֹּל תָּלוּי בְּאֶחָד כַּנַּ"ל** שֶׁעַל-יְדֵי זֶה עִקַּר הַמְשָׁכַת הַחִיּוּת מִמְּקוֹר הַחִיּוּת שֶׁהוּא הָאֶחָד הַפָּשׁוּט יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל. (וראה עוד בכלאי בהמה ד, י"ט-כ; פריקה וטעינה הלכה ד'; ועוד).

ב. ראה בליקוטי הלכות הל' ברכות השחר ה, כ"ד: כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהַמְשִׁיךְ הַמְתָּקָה.. כִּי אִם עַל-יְדֵי אַהֲבָה וְאַחְדוּת שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל, כִּי אַהֲבָה בְּגִימַטְרִיָּא אֶחָד.. שֶׁלָּזֶה צְרִיכִין שֶׁיִּהְיֶה אַהֲבָה וְאַחְדוּת גָּדוֹל בֵּין יִשְׂרָאֵל.. **וְהָעִקָּר שֶׁיִּתְחַבְּרוּ וְיִתְיַחֲדוּ כֻּלָּם בְּאַהֲבָה וְאַחְדוּת שֶׁאָז הֵם נִכְלָלִין בִּמְקוֹר הָאַחְדוּת, כִּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל כֻּלָּא חַד, בְּחִינַת 'אַתָּה אֶחָד וְשִׁמְךָ אֶחָד וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד וְכוּ'**. ובאות נ"ז: **כִּי אַחְדוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל הוּא אַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ** בְּחִינַת אַתָּה אֶחָד וְשִׁמְךָ אֶחָד וּמִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ וְכוּ'.

ובהל' פסח ג, י"ב: וְזֶה בְּחִינַת רוּחַ חַיִּים שֶׁל יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם כְּלוּלִים בְּאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְהֵם בִּבְחִינַת לְמַעְלָה מֵהַמִּנְיָן, כִּי אָסוּר לִמְנוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל.. וְעַל-כֵּן שִׁבְעִים נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים נֶפֶשׁ אֶחָד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "כָּל הַנֶּפֶשׁ הַבָּאָה לְבֵית יַעֲקֹב וְכוּ'". כְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י, **כִּי יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ כָּל מַה שֶּׁמִּתְרַבִּים יוֹתֵר נִכְלָלִים בְּאַחְדוּתוֹ בְּיוֹתֵר**, כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא מְקֻשָּׁר בּוֹ יִתְבָּרַךְ וּמַמְשִׁיךְ רוּחַ חַיִּים מֵחֵי הַחַיִּים, וְכָל מַה שֶּׁנִּתְרַבִּים יִשְׂרָאֵל יוֹתֵר, הֵם מַמְשִׁיכִין רוּחַ הַחַיִּים יוֹתֵר וְנִכְלָלִים יוֹתֵר בְּאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. **וְעַל-כֵּן כָּל יִשְׂרָאֵל חֲשׁוּבִים כְּאֶחָד**. (וראה עוד בהל' ערב ג, ל; הל' שלוחין ג, ל"ו.

איז במילא, ווען מ'קומט זיך צוזאמען, מ'קומט זיך צוזאמען א חבורה [מ'האט שוין גערעדט אביסל פון דעם יענע וואך] - דארף מען זייער שטארק אכטונג געבן. ווייל אסאך מאל.. די גאנצע וועלט איז פול מיט מפלגות, פול מיט (קבוצות) – מ'נעמט זיך צוזאמען, חברה'ס, מיט ענינים... אין די גאנצע וועלט, אפילו ביי די גוים, איז בדרך כלל אזוי – אבער דאס מיינט אלץ זאכן פון עולם הזה, פון אייגענע צרכים, און ס'ווערט פון דעם צום סוף גארנישט. דער רבי זאגט[ג]: **"גם אהבתם אינה כלום"**, אזוי זאגט דער רבי אין חיי מוהר"ן; ס'ווערט גארנישט פון די אלע זאכן.

דערפאר דארף מען אויך אכטונג געבן ווען מ'קומט זיך צוזאמען. מ'דארף (טראכטן) – וואס מיינט מען מיט דעם? נישט מען מיינט מ'קומט זיך צוזאמען נעמען, מ'קומט זיין עפעס א פעסטע חבורה, מ'וועט זיך האלטן צוזאמען... מ'דארף וויסן, די זאך דארף זיין איין זאך: מ'דארף דינען דעם אויבערשטן! מ'קען נישט אליין דינען דעם אויבערשטן - און מיט חברים, קען מען צוזאמען דינען דעם אויבערשטן. מיר גייען געפונען דעם אויבערשטן, מ'גייט מגלה זיין דעם אויבערשטן!

נישט זיין קיין 'נצרך לבריות'

מ'וויל דאווענען, מ'קען נישט – ס'איז שווער צו דאווענען אליין. א מענטש דאווענט אליין, ס'איז שווער צו דאווענען [מ'זאל נישט וויסן, א

ג. חיי מוהר"ן תע"א: **גַּם אַהֲבָתָם אֵינָהּ כְּלוּם, הַיְנוּ הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הָרְשָׁעִים וְקַלֵּי עוֹלָם אֵינָהּ כְּלוּם. כִּי אֵינָהּ אַהֲבָה אֲמִתִּית, רַק כָּל אֶחָד מִתְכַּוֵּן לְטוֹבַת וְלַהֲנָאַת עַצְמוֹ**, וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל חֲנֻפָּה, וְכָל אֶחָד מִתְקַנֵּא בַּחֲבֵרוֹ. **אֲבָל הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַכְּשֵׁרִים וְהַיְרֵאִים, בִּפְרָט הָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיק וַאֲנָשָׁיו, זֹאת הָאַהֲבָה אֵין לְשַׁעֵר וְהִיא אַהֲבָה אֲמִתִּית, אַהֲבָה עַצְמִיּוּת בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ.** כִּי הַצַּדִּיק אוֹהֵב אֶת אֲנָשָׁיו בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה וְרַבָּה מְאֹד, וְחָפֵץ בְּטוֹבָתָם מְאֹד בֶּאֱמֶת. אִם הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ הָיָה נוֹתֵן לָהֶם כָּל הַטּוֹב שֶׁבְּכָל הָעוֹלָמוֹת. וְגַם בָּעוֹלָם הַזֶּה הוּא רוֹצֶה שֶׁיֵּיטַב לָהֶם מְאֹד.. וְכֵן גֹּדֶל הָאַהֲבָה שֶׁל אַנְשֵׁי הַצַּדִּיק לְהַצַּדִּיק הוּא גַּם-כֵּן גְּדוֹלָה מְאֹד, כִּי הֵם גַּם-כֵּן אוֹהֲבִים אוֹתוֹ מְאֹד אַהֲבָה אֲמִתִּית.

מענטש איז אמאל נישט געזונט, ס'איז אים שווער צו גיין דאווענען. ס'איז מורא'דיגע מניעות אויפן עצם דאווענען...]. ס'איז אינו דומה - אז מ'דאוונט צוזאמען, איז עס א אנדער דאווענען אינגאנצן! דער כח התפילה איז דוקא בציבור, און דוקא בצוותא. ס'איז א אנדער דאווענען אינגאנצן, א אנדער זאך אינגאנצן.

איך זוך חברים צו דאווענען מיט זיי צום אויבערשטן..

(**שואל:** ביחיד איז אבער נישטא פניות...) דארף מען טרעפן עצות אז ס'זאל נישט זיין קיין פניות. פון וואו ווייסטו אז ברבים איז דא פניות? אוואו האסטו געלערנט?

(**ש:** דער רבי זאגט עס אויך...) אה! דער רבי זאגט עס?! און וואס זאגט דער רבי דארטן?! זאגט דער רבי[ד] אז אויב מ'וויל נישט האבן קיין פניות, זאל מען

וְהִנֵּה אֶצְלָם, הַיְנוּ אֵצֶל הַקַּלֵּי עוֹלָם וְהָרְשָׁעִים וְכֵן אֵצֶל אֻמּוֹת הָעוֹלָם, זֶה הוּא הָעִקָּר, שֶׁיִּהְיֶה אַהֲבָה וְרֵעוּת. כִּי זֶה עִקָּר אֶצְלָם בָּעוֹלָם. וְאַף-עַל-פִּי-כֵן אֵינָם זוֹכִים לָזֶה, כִּי אֵין לָהֶם אַהֲבָה אֲמִתִּיּוֹת כְּלָל. אֲבָל **לְהַכְּשֵׁרִים וְהַיְרֵאִים הַזּוֹכִים לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיק אֲמִתִּי יֵשׁ לָהֶם אַהֲבָה אֲמִתִּיִּית** וְכוּ'. (וראה בליקוטי הלכות הל' פו"ר ה, ה).

ד. ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ס"ו אות ג. וזל"ש בקיצור ליקוטי מוהר"ן (אות ח): **מִי שֶׁהוּא נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה אוֹ אֲפִלּוּ יֵשׁ לוֹ פַּרְנָסָה מִשֶּׁלּוֹ, אֲבָל יֵשׁ לוֹ תַּאֲוָה שֶׁל כָּבוֹד וַחֲשִׁיבוּת שֶׁהוּא גַּם כֵּן בִּכְלָל נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת כִּי הוּא נִצְרָךְ לְכָבוֹד וַחֲשִׁיבוּת שֶׁלָּהֶם, אָז יוּכַל לִפֹּל בְּשֶׁקֶר גָּדוֹל בִּתְפִלָּתוֹ הַיְנוּ לַעֲשׂוֹת תְּנוּעוֹת בְּשֶׁקֶר בִּשְׁבִיל בְּנֵי אָדָם מֵאַחַר שֶׁהוּא נִצְרָךְ לָהֶם בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה אוֹ כָּבוֹד וְכַיּוֹצֵא.. עַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לִזָּהֵר בִּשְׁעַת תְּפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ שֶׁעַל כָּל פָּנִים אָז לֹא יִהְיֶה בִּכְלָל נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת.** רַק יָשִׂים שִׂבְרוֹ וּבִטְחוֹנוֹ עַל ה' אֱלֹהָיו בֶּאֱמֶת וְלֹא יַחֲשֹׁב בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה בְּשׁוּם בֶּן אָדָם וְשׁוּם בְּרִיָּה כְּלָל וְאָז יוּכַל לַעֲמֹד בֵּין אֲלָפִים אֲנָשִׁים וּלְהִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ, וְזֶה: **"אֲהַלְלָה ה' בְּחַיָּי"**, הַיְנוּ כְּשֶׁאֲנִי חַי חַיִּים שֶׁלִּי וְאֵינִי נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת **כִּי** הַנִּצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת חַיָּיו אֵינָם חַיִּים הַיְנוּ שֶׁאֵינָם חַיִּים שֶׁלּוֹ. כִּי הוּא חַי מֵאֲחֵרִים, אֲבָל **כְּשֶׁאֵינִי נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת וַאֲנִי חַי חַיִּים שֶׁלִּי אָז אוּכַל לְהַלְלוֹ וּלְהִתְפַּלֵּל לְפָנָיו בֶּאֱמֶת.**

[וראה בליקוטי הלכות הל' מתנה ב, ב: וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁעִקַּר הָאֱמֶת הוּא כְּשֶׁאֵין נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת כַּנַּ"ל, **כִּי עֵינֵינוּ רוֹאִין שֶׁרֹב בְּנֵי אָדָם הֵם נִצְרָכִין לַבְּרִיּוֹת,** כִּי מִתְפַּרְנְסִין זֶה מִזֶּה וְכָל אֶחָד צָרִיךְ לְטוֹבָתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ וּמֵאַחַר שֶׁהוּא צָרִיךְ לְאֵיזֶה דָּבָר לַחֲבֵרוֹ הוּא בִּכְלַל נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, כַּמּוּבָן שָׁם בַּמַּאֲמָר הַנַּ"ל וְאִם כֵּן בְּוַדַּאי כִּמְעַט כָּל הָעוֹלָם הֵם נִצְרָכִין לַבְּרִיּוֹת. אַךְ הָעִקָּר הוּא בְּחִינָה הַנַּ"ל, דְּהַיְנוּ **לֵידַע שֶׁהַכֹּל מְקֻשָּׁר בּוֹ יִתְבָּרַךְ וּבָטֵל נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ מַמָּשׁ וְכָל מַה שֶּׁמְּקַבֵּל מֵחֲבֵרוֹ הַכֹּל**

נישט זיין קיין **"נצרך לבריות"**; איינער וואס איז א נצרך לבריות האט פניות, ווייל ער דארף געפעלן די בריות.

אבער טאמער ער איז נישט קיין נצרך לבריות, ער ווייסט דעם אמת, אז די בריות קענען אים גארנישט העלפן, ער ווייסט אז נאר דער אויבערשטער - איז ער נישט קיין נצרך לבריות. דעמאלט'ס קען ער דאווענען אויך בציבור אָן פניות.

(**ש:** ווי ווערט מען נישט 'נצרך לבריות'?) אז מ'ווייסט דעם אמת! מ'ווייסט דעם אמת, אז נאר דער אויבערשטער געבט פרנסה, נאר דער אויבערשטער געבט וואס מ'דארף. מ'איז באמת נישט תלוי אין מענטשן. מ'ווייסט דעם אמת: איך בין אין קיין איינעם נישט תלוי! קיינער קען דיר נישט העלפן, קיינער קען דיר נישט שטערן...

(**ש:** א מענטש וויל כבוד, און נאך אזעלכע זאכן, וואס האט נישט דוקא מיט פרנסה...) כבוד? דארפסט נישט קיין כבוד פון קיינעם. דער רבי זאגט דארטן נישט נאר וועגן פרנסה, דער רבי זאגט אפילו כבוד אויך. איך דארף נישט קיין כבוד פון קיין איינעם, מיין כבוד באקום איך פון אויבערשטן. מיין כבוד איז פון דעם אויבערשטן!

(**ש:** און אז מ'באקומט נישט קיין כבוד פון דעם אויבערשטן?!) דאס איז דער לימוד. מ'דארף וויסן אז מיין כבוד איז פון דעם אויבערשטן. וואס הייסט עס **" הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ"**[ה]? האסט געהערט אמאל א מענטש זאגט פאר זיך אליין הלל?!

"התהללו בשם קדשו" – **זיי זיך אליין מהלל מיטן אויבערשטן!** מיטן אויבערשטן קען מען זיך אליין מהלל זיין - איך דארף נישט (קיין אנדערע מענטשן); נאר איך זאל זיך לויבן אליין, פאר זיך אליין, איך לויב זיך אויס! **ס'איז מיר גוט, ס'איז מיר באקוועם; דער אויבערשטער האט מיר ליב! דער**

מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ יִתְבָּרֵךְ מַמָּשׁ וְכַנַּ"ל וַאֲזַי הוּא בְּוַדַּאי אֵינוֹ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת אַף עַל פִּי שֶׁמְּקַבֵּל מֵהֶם כַּנַּ"ל מֵאַחַר שֶׁיּוֹדֵעַ זֹאת בִּידִיעָה בְּרוּרָה וְזַכָּה. וְזֶהוּ בְּחִינַת אֱמֶת, כִּי זֶה עִקַּר הָאֱמֶת כְּשֶׁיּוֹדְעִין שֶׁהַפֹּעַל מְקֻשָּׁר בְּהַכֹּחַ וְכֹלָּא חַד וְאֵין שׁוּם דָּבָר בִּלְעָדוֹ יִתְבָּרֵךְ כַּנַּ"ל רַק כֹּלָּא חַד אָז דַּיְקָא זוֹכִין לָאֱמֶת].

ה. תהילים קה, ג.

אויבערשטער איז מיר מחשיב,ביים אויבערשטן בין איך טייער! דער אויבערשטער איז מחשיב יעדער ווארט מיינער וואס איך זאג. יעדער משהו, יעדער תנועה ביי מיר איז דער רבונו של עולם מחשיב.

דאס איז מיין כבוד: אז דער אויבערשטער וויל מיר. איך דארף נישט אנקומען צו קיין מענטשן. זיי קענען מיר גארנישט העלפן! די מענטשן (וואס) זענען מיר מכבד; הייגט איז ער מיר מכבד, מארגן איז ער מיר מבזה. אפילו יעצט אליין איז (דאס אסאך מאל) **"אחד בפה ואחד בלב"**[ו].

וואס איז א מענטש?! א מענטש; נישט ווען ער פארשעמט דיר מיינט ער עס מיטן גאנצן הארץ, נישט ווען ער איז דיר משבח מיינט ער עס מיטן גאנצן הארץ. ער האט נישט קיין צייט צו טראכטן בכלל פון דיר... ער האט עפעס א חשבון דיר צו חנפן'ען, זאגט ער דיר א גוט-ווארט. ער האט א חשבון דיר צו משפיל זיין, זידלט ער דיר אן... ער מיינט גארנישט. ער האלט נישט פון דיר, און ער איז נישט קעגן דיר. ס'איז גארנישט.

דער אויבערשטער! דער אויבערשטער, ער האלט פון א מענטש! ער געבט באמת א חשיבות פאר א מענטש. דאס איז אונזער חשיבות!

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, אז מ'זאל זוכה זיין צו וויסן, אז **"וְהָעֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ"**[ז] – סיי עושר און סיי כבוד, אלעס באקומט מען פון דיר. אלץ איז פון דיר!

קיינער קען מיר נישט געבן קיין כבוד. א מענטש קומט אריין אין א שול. ער וויל זיין דא צווישן די מכובד'יגע מענטשן אין שול. מארגן, די גאנצע שול זעצט אן; ער האט זיך געבויעט א גאנצן מעמד. דער גאנצער עסק איז.. ס'איז גארנישט געבליבן פון די גאנצע מעשה.

ו. פסחים קיג:

ז. דברי הימים א כט, יב.

די געוואלדיגע תועלת פון א חבורה

טאקע, מ'רעדט וועגן א חבורה. אה, חבורות! מ'מיינט, חבורות - - **'כל ימי גדלתי בין החבורות', פון ווען איך קען זיך – ווער ס'בויעט זיך אויף אזעלכע זאכן, איז מניח מעותיו על קרן הצבי, מניח כוחותיו על קרן הצבי...** אז מ'זוכט דעם אויבערשטן, מ'זוכט די יראת שמים, מ'זוכט די אידישקייט - דאס בלייבט. אלע אנדערע זאכן, בלייבט גארנישט פון דעם. גארנישט!

ממילא, וואס דארף איך חברים?! מ'דארף חברים אויף צו דאווענען צום אויבערשטן; אויף דעם דארף מען חברים! מ'דאווענט צום אויבערשטן צוזאמען. יעדער תפילה וואס מ'דאווענט צוזאמען, דאס איז רווח נקי. דאס קען מען נישט צונעמען, דאס בלייבט שוין לעולם. דאס בלייבט לעולם ועד.

(**שואל:** דו האסט פריער געזאגט אז ס'איז שווערער. איך פרעג, אז ס'קוקט מיר אויס אז ס'איז שווערער ברבים, זאגסטו אז ס'איז שווערער ביחיד...) איך האב נישט געזאגט אז ס'איז שווערער. איך האב געזאגט אז דער וואס האט דיר געזאגט אז ס'איז שווערער, האט דיר געזאגט א עצה פאר דעם. דער רבי זאגט אז ס'איז שווער, זאגט ער א עצה פאר דעם. אבער דאס הייסט נישט אז מ'דארף דאווענען ביחיד. דער רבי הייסט אז מ'זאל.. (- ארבעטן אויף דעם, צו נישט זיין קיין 'נצרך לבריות').

(**ש:** אבער דו האסט פריער מסביר געווען אז פארקערט, אז ביחיד איז שווערער צו דאווענען...) **יא.** ווייל א מענטש דארף באמת א ציבור, אזוי שטייט[ח]. דער דאווענען דארף קומען בציבור. דער כח התפילה קומט בציבור. ווייל א מענטש אליין איז גארנישט.

א מענטש מיט זיינע חברים [און די חברים מיינט מען נישט, ווי מ'האט געזאגט פריער, נישט די כבוד וואס ער האט פון זיי, נאר די נפשות פון די חברים] – א מענטש גלייבט, ער גלייבט אין דעם נפש פון זיין חבר. זיין חבר

ח. ראה טוש"ע או"ח סימן צ' סעי' ט.

איז א איד. איך בין א איד, ער איז א איד! איך בין א ברסלב'ער, ער איז א ברסלב'ער! צוזאמען דאווענען מיר. ער גלייבט אין אים. ער גלייבט אין חלק אלוק ממעל פון יענעם. דאס איז אמת. איז דאס געבט א תועלת אין דעם דאווענען.

א מענטש דאוונט אליין, ס'איז שווער. א מענטש דאוונט מיט חברים. אפילו א מענטש קען נישט אלעמאל דאווענען (בציבור), דארף ער דאווענען מיט התקשרות, כאטש זיך מקשר זיין מיטן ציבור. מ'איז זיך מקשר. אליין? וואס איז א מענטש אליין?! א מענטש אליין איז גארנישט...

"בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ"[ט] – מיטן כח פון די נפשות ווערט נתגלה דער אויבערשטער. ס'איז **"אחדות הפשוט מתוך פעולות משתנות"**. דער אחדות פון דעם אויבערשטן ווערט נתגלה. די גרויסקייט פון די אחדות פון דעם אויבערשטן ווערט נתגלה דוקא דורכן ריבוי. אז ס'איז דא א ריבוי פון

ט. [משלי יד, כח. ברכות דף נג.] וראה בליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ד, כ: וְזֶה בְּחִינַת **"בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ"** - **שֶׁכָּל מַה שֶּׁמִּתְרַבִּין וּמִתְחַבְּרִין בְּיוֹתֵר הַרְבֵּה יִשְׂרָאֵל יַחַד נִתְרַבֶּה קְדֻשָּׁתוֹ וּכְבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר** וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל, אֵינוֹ דּוֹמֶה מֻעָטִין הָעוֹשִׂין אֶת הַמִּצְוָה לִמְרֻבִּין וְכוּ', הַיְנוּ כַּנַּ"ל **שֶׁכָּל מַה שֶּׁהַרְבֵּה מִיִּשְׂרָאֵל בְּיוֹתֵר מִתְחַבְּרִין בְּיַחַד לְדָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ נִתְגַּלֶּה אַחְדּוּתוֹ הַפָּשׁוּט בְּיוֹתֵר עַל-יְדֵי שֶׁרַבִּים בְּיוֹתֵר שֶׁהֵם דֵּעוֹת מְשֻׁנּוֹת בְּיוֹתֵר מִתְחַבְּרִין לְדֵעָה אַחַת לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ.. כִּי כָּל מַה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל רַבִּים בְּיוֹתֵר נִמְשֶׁכֶת וְנִתְגַּלָּה הַקְּדֻשָּׁה בְּיוֹתֵר**. עַל-יְדֵי שֶׁרִבּוּי דֵּעוֹת כְּאֵלּוּ שֶׁהֵם מְשֻׁנִּים כָּל כָּךְ, כִּי כָּל מַה שֶּׁהֵם רַבִּים בְּיוֹתֵר יֵשׁ בָּהֶם שִׁנּוּי דֵּעוֹת בְּיוֹתֵר וְכָל מַה שֶּׁנִּתְרַבִּין הַשִּׁנּוּיִים בְּיוֹתֵר וּמִתְחַבְּרִין בְּיַחַד לַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ **נִתְגַּלֶּה אַחְדּוּתוֹ הַפָּשׁוּט בְּיוֹתֵר עַל-יְדֵי שֶׁרִבּוּי דֵּעוֹת כָּאֵלּוּ שֶׁהֵם פְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת כָּל כָּךְ מִתְחַבְּרִין יַחַד בְּדֵעָה אַחַת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ**.

ובהל' עדות ב, ג: עִקַּר כֹּחַ יִשְׂרָאֵל הוּא דַּיְקָא כְּשֶׁהֵם רַבִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, **"בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ"**. כִּי כְּשֶׁהֵם רַבִּים וּמִתְחַבְּרִים יַחַד בְּדָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמֶת, אֲזַי נִכְלָל אַחַר הַבְּרִיאָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת רַבִּים כַּנַּ"ל, בְּקֹדֶם הַבְּרִיאָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כֻּלּוֹ אֶחָד כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי שֶׁמִּתְחַבְּרִים יַחַד רַבִּים מִיִּשְׂרָאֵל לְדָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמֶת.

ובהל' נשיאת כפיים ה, ד: וְזֶה בְּחִינַת **"בְּרֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ"**, שֶׁעַל-יְדֵי רֹב עָם שֶׁמְּבַקְשִׁין לְדַבֵּר בְּיִרְאַת שָׁמַיִם לְגַלּוֹת וּלְהָאִיר הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת מִזֶּה לָזֶה כַּנַּ"ל עַל-יְדֵי זֶה הַדְרַת מֶלֶךְ, כִּי עַל-יְדֵי זֶה מֵאִיר פְּנֵי ה', שֶׁהוּא בְּחִינַת הַדְרַת מֶלֶךְ, בְּחִינַת הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו וְכוּ'.

מענטשן, ווערט נתגלה די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן. דאס איז מגלה דעם אויבערשטן!

דערפאר דארף מען נישט צו גרויסע פלענער – "מ'וועט מאכן חבורות, מ'וועט מאכן, מ'וועט טאן, ס'וועט קלאפן. ס'וועט זיין אהער, ס'וועט..." – יעדער מעריב וואס מ'האט ארויסגעכאפט, איז כולו רווח! יעדער משהו וואס מ'כאפט ארויס צו דאווענען צוזאמען, האט מען שוין אריינגעכאפט.

יעדער משהו וואס מ'האט זיך עפעס געשטארקט צוזאמען - בפרט אין תפילה - יעדער ביסל וואס מ'איז זוכה צו דאווענען צוזאמען, האט מען געמאכט די בעסטע. די בעסטע! נישטא בעסערס ווי דעם. נישטא בעסער ווי תפילה. יעדער ביסל דאווענען וואס מ'קויפט זיך איין אין לעבן, דאס איז נצח־נצחים!

דער גאנצער תכלית פארוואס מ'איז געקומען אויף דער וועלט, איז וועגן דאווענען. און יעדער ביסל דאווענען וואס מ'איז זוכה; נאך אביסל דאווענען מיט כוונה, נאך אביסל דאווענען מיט כוונה, **"זֶה חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי"**[יא], דאס בלייבט לעולמי עד ולנצח נצחים. יעדער ביסל דאווענען בצוותא, בחבורה איז

י. ראה בליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ד, י"ט: כִּי כָּל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַשִּׁנּוּיִים שֶׁיֵּשׁ בַּתּוֹרָה וְכָל הַמַּחֲלֹקֶת דִּקְדֻשָּׁה שֶׁיֵּשׁ בֵּין תַּנָּאִים וַאֲמוֹרָאִים וּבֵין צַדִּיקִים וּכְשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים **הַכֹּל כְּדֵי לְגַלּוֹת שֶׁכָּל הַפְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת נִמְשָׁכִין מֵאֶחָד הַפָּשׁוּט יִתְבָּרַךְ**, כִּי כָּל הַפְּעֻלּוֹת מְשֻׁנּוֹת שֶׁבְּכָל הַבְּרִיאָה כֻּלָּם נִמְשָׁכִין מֵאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה כַּיָּדוּעַ וּכְמוֹ שֶׁכָּל אוֹת יֵשׁ לוֹ תְּמוּנָה מְשֻׁנָּה מֵחֲבֵרוֹ וְכֵן צֵרוּפֵי הַתֵּבוֹת מְשֻׁנִּין כָּל אֶחָד מֵחֲבֵרוֹ, כְּמוֹ כֵן נִמְשָׁכִין כָּל הַבְּרוּאִים מְשֻׁנִּין כָּל אֶחָד וְאֶחָד מֵחֲבֵרוֹ, אֲבָל בֶּאֱמֶת כָּל אוֹתִיּוֹת וְתֵבוֹת וּפָרָשִׁיּוֹת וְכוּ' שֶׁבַּתּוֹרָה שֶׁמְּשֻׁנִּים כָּל אֶחָד מֵחֲבֵרוֹ דַּיְקָא עַל יָדָם מַכִּירִין וְיוֹדְעִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ.. כִּי עַל-יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מַחֲלֹקֶת בִּקְדֻשָּׁה בֵּין צַדִּיקִים. נִמְצָא שֶׁדַּעְתָּם מְשֻׁנָּה מְאֹד זֶה מִזֶּה. וְאַף-עַל-פִּי-כֵן בְּעִנְיַן יְסוֹד הָאֱמוּנָה כֻּלָּם נִכְלָלִין בְּדֵעָה אַחַת. כִּי כֻּלָּם מִתְכַּוְּנִים לִשְׁמוֹ וְאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.. **וְעַל-כֵּן עַל-יְדֵי-זֶה הַמַּחֲלֹקֶת דִּקְדֻשָּׁה, עַל-יְדֵי-זֶה דַּיְקָא נִתְגַּלֶּה אַחְדוּת הַפָּשׁוּט מִתּוֹךְ פְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת עַל-יְדֵי-זֶה שֶׁדֵּעוֹת חֲלֻקוֹת וּמְשֻׁנּוֹת כָּאֵלֶּה כֻּלָּם נִכְלָלִים בְּדֵעָה אַחַת בְּעִנְיַן יְסוֹד הָאֱמוּנָה**, כִּי כֻּלָּם מַאֲמִינִים בְּדֵעָה אַחַת בַּה' וּבְמַעֲשֶׂה עַבְדּוֹ וְכָל כַּוָּנָתָם בְּמַחֲלָקְתָּם הַכֹּל כְּדֵי לְגַלּוֹת אַחְדוּתוֹ הַפָּשׁוּט בָּעוֹלָם.. **כִּי עַל-יְדֵיהֶם דַּיְקָא יִתְגַּלֶּה אַחְדוּתוֹ הַפָּשׁוּט מִתּוֹךְ פְּעֻלּוֹת מִשְׁתַּנּוֹת עַל-יְדֵי שֶׁדֵּעוֹת חֲלֻקוֹת כָּאֵלּוּ נִכְלָלִין בְּתַכְלִית כַּוָּנָתָם בְּדֵעָה אַחַת לְהִכָּלֵל בְּאַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.**

יא. עפ"י קהלת ב, י.

"עַיִן לֹא רָאָתָה" [יב]! ס'איז 'עין לא ראתה' דער רווח וואס מ'איז זוכה דורך דעם וואס מ'דאווענט צוזאמען. מרגיש זיין דעם אויבערשטן.. ס'איז אינו דומה, ס'איז אינו דומה!

נאר פארשטייט זיך אז מ'דארף אויך דינען דעם אויבערשטן ביחיד, מ'דארף נישט ווארטן נאר אויף א ציבור. אבער א ציבור איז א גרויסער תועלת. **ווען ס'מאכט זיך אזעלכע זאכן, אז מ'שטארקט זיך מיט א חבורה, איז דאס א גרויסער-גרויסער תועלת**, זייער א גרויסער תועלת.

"מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה"

דערפאר דארף מען זיך טאקע אויך האלטן, מיט "אהבת חברים" דארף מען זיך האלטן. וואס הייסט אהבת חברים? אהבת חברים איז - הא גופא, אויב מ'קוקט אויף א חבר, אז ס'איז עפעס אזא טעכנישע זאך, ס'איז עפעס נאר א מגושם'דיגע זאך, איז דא קנאה מיט שנאה, מיט נאך אזעלכע סארטן זאכן; אלע סארטן זאכן וואס ס'איז גורם מחלוקת מיט פירוד לבבות.

אבער פארקערט, אז מ'ווייסט אז א חבר - דאס איז א חלק אלוק ממעל. דער עיקר חבר'שאפט איז: **איך גלייב, איך גלייב אין זיין נקודה, אין זיין נפש. איך גלייב אין זיין פנימיות, אין די קדושה פון פנימיות נפשו.** בפרט אז מיר לערנען ביי איין רבי, מיר האבן איין רבי'ן וואס איז משפיע אויף אונזערע אלע נפשות, איז גלייב איך אין די פנימיות פון דעם.

דאס איז די אהבת חברים. פארוואס האב איך ליב א חבר? איך האב ליב א חבר ווייל צוזאמען; די נפשות צוזאמען, שטארקן מיר זיך אין דאווענען, אין מקבל זיין פון רבי'ן. **דאס איז די אהבה, דאס איז די תמימות פון די**

יב. ישעיהו סד, ג.

אהבה, וואס אויף דעם (איז געזאגט געווארן) **"מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה"** [יג]**; אזא אהבה קען מען נישט צושטערן. מ'קען עס נישט צושטערן!**

אזוי ווי דאס איז, מיט די גרעסטע פשוט'קייט: יעדער מאל (וואס) מ'כאפט ארויס, מ'דאווענט צוזאמען, האט די זאך מער מצליח געווען. איז מער חברים, מער חבריא, מער אהבת חברים. יעדן מאל, מניה וביה, האט מען שוין געמאכט רווח, ס'שוין געווארן א רווח.

דאס הייסט א חבורה: וואס מער מ'דינט דעם אויבערשטן צוזאמען, דאס איז די חבורה. דער עצם דינען דעם אויבערשטן צוזאמען - דאס איז די חבורה, דאס איז די אהבה, דאס איז דער קשר, דאס איז די גאנצע זאך!

דאס ברענגט א ברכה, ס'ברענגט אסאך פירות אויך, פירות און פירות פירותיהם. ס'ברענגט א חיזוק פאר אנדערע... (און נאך) אסאך גוטע זאכן וואס קומען ארויס פון דעם. ס'ווערט נולד פון דעם, נאך גוטע מעשים מיט נאך כל מיני זאכן. אסאך מאל ווערט אויך פון דעם בגשמיות, כל מיני חסד וואס מ'טוט מיטן צווייטן, מיט נאך אזעלכע זאכן. אבער דער שורש פון די גאנצע זאך איז, כפשוטו: דינען דעם אויבערשטן צוזאמען, דינען דעם אויבערשטן צוזאמען!

און יעדער משהו - איינער זאגט אז א חבורה איז נאר ווען מ'גייט ארויס צוזאמען אין פעלד און מ'מאכט, מ'פארמאכט א שבת אין מירון (וכדו')... – יעדע זאך, פארוואס נישט? ס'איז גוטע זאכן, אלץ גוטע זאכן, און ס'איז מוסיף – **אבער מ'דארף וויסן אז די חבורה הייבט זיך נישט אן פון דעם. א חבורה הייבט זיך אן מיניה וביה, אז מ'דינט דעם אויבערשטן צוזאמען.**

יעדע ביסל וואס מ'דינט דעם אויבערשטן צוזאמען, דאס איז שוין די חבורה. דאס איז די חבורה, דאס בלייבט לנצח נצחים. לנצח נצחים! נישט נאר לנצח-נצחים אויף יענער וועלט, נאר אפילו אויף דער וועלט, דאס

יג. שיר השירים ח, ז.

בלייבט! וויפל ס'איז דא אין דעם א תמימות, א ערנסקייט – אפילו טאמער שפעטער פארקייקלט זיך כל מיני שינויים, אבער דאס בלייבט.

איינער האט זיך גע'חבר'ט מיט א חבורה און געמיינט בתמימות. אפילו שפעטער קען זיין כל מיני שינויים, ביי אים איז עס בתמימות. ער וועט טרעפן אפאר יאר ארום חברים וואס ער האט שוין לאנג נישט געטראפן, ביי אים איז ווייטער די 'חבריא' דא, ביי אים איז ווייטער די זאך דא... ווייל ער האט דאס געמיינט ערנסט - איז עס א קנין נצחי, ס'ווערט נישט נעלם! **ס'איז בדוק ומנוסה.**

טאמער מיינט ער עפעס אנדערע זאכן... (- איז טאקע א פראבלעם). אבער טאמער מיינט ער נאר דאס בתמימות, קען מען עס נישט בארויבן פון אים. ס'קען נישט צוגענומען ווערן פון אים.

ס'איז א זאך וואס דאס בלייבט. אזוי ווי חז"ל זאגן [יד]: **"כל אהבה, שהיא תלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה. ושאינה תלויה בדבר, אינה בטלה לעולם"**. מ'זאגט ביי אונזערע לייט: **יעדער אהבה וואס איז תלוי אין אמת'ע זאכן, אין א 'דבר שאינו בטל' - "אינה בטלה לעולם"; ווערט עס נישט בטל, ס'קען נישט בטל ווערן.** ס'איז א קנין נצחי, ס'איז א תועלת נצחי, ס'איז א געוואלדיגער זאך.

יד. אבות פרק ה' משנה ז. וראה שם בפירוש הרע"ב: **כל אהבה שהיא תלויה בדבר בטל - שאינו מתקיים**, כשיתבטל הדבר שהיה סבה לאותה אהבה, גם האהבה בטלה. **וכל אהבה שאינה תלויה בדבר בטל אלא בדבר קיים, כגון אהבת הצדיקים והחכמים, אינה בטלה לעולם.** כשם שהדבר שהוא סבה לאותה אהבה אינה בטל, כך אין האהבה בטלה.

[וראה בעל"ת סיום מכתב ס"ג: דִּבְרֵי הַכּוֹתֵב וּמְזָרְזָם לְטוֹבָתָם לָנֶצַח, אוֹהֲבָם בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, **אַהֲבָה שֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בַּדָּבָר**, כִּי אִם אַהֲבַת הָאֱמֶת לְמַעֲנוֹ יִתְבָּרַךְ לְזַכּוֹתָם בָּזֶה וּבַבָּא לָנֶצַח. ובנתיב צדיק מכתב ס"ט: כי אהבתכם לא נפרדו מאתנו כמאז ומקדם לא תפרדו אהבתכם מאתנו. כי השם יתברך יודע האמת שאני רוצה לראות בכם ובבניכם כמו שאני רוצה לראות בבניי ובנותיי, **כי אהבתנו אינה תלויה בדבר רק מחמת שאנו מקושרים בשורש שרשי נשמות ישראל** הוא רבינו ז"ל ותלמידו הקדוש].

זעסט? מיר טרעפן זיך - וויפל יאר צוריק זענען מיר געזעצן צוזאמען ביי א חבורה? שוין אינמיטן, לאנג איז שוין נישט געווען א חבורה. יעצט, מ'טרעפט זיך נאכאמאל – די זעלבע חבורה, די זעלבע מענטשן ווייטער. אסאך חבורות אזוי; וויפל חבורות האב איך זיך שוין געדרייט, במשך צענדליגער יארן? אין אזוי פיל חבורות בין איך שוין געווען, דא, דא, דארט. דער אמת בלייבט. דער אמת פון די זאך, די פשיטות פון די זאך - דאס בלייבט, דאס בלייבט!

(**שואל:** דאס מיינט דוקא מיט עקסטערע מענטשן? אויב ס'איז דער פנימיות, ווען א מענטש איז זיך מחבר צו די פנימיות, איז דאך באמת נישט משנה וואספארא מענטשן. ס'בייט זיך, אמאל די מענטשן, אמאל די מענטשן... איך מיין צו זאגן: דער עיקר איז מענטשן וואס זענען מחובר צו דעם רבי'ן, אבער ער האט נישט דוקא אריינגעלייגט מיט דער און דער מענטש...) ס'ווערט במילא אזוי: וואס מער מ'דינט דעם אויבערשטן צוזאמען, ווערט א קשר. דער עצם זאך וואס מ'איז עוסק צוזאמען, דאס מאכט אז ס'ווערט א קשר.

(**ש:** אויב ס'איז דער עיקר דער פנימיות, איז דא עפעס א עקסטערקייט דוקא מיט דעם?) יעדע פּאָר חברים וואס דינען דעם אויבערשטן צוזאמען, איז דא א עקסטערקייט - ס'קומט ארויס א געוויסער גוון (קאליר) וואס קומט ארויס פון די פאר חברים. די פאר חברים וואס טרעפן זיך צוזאמען, וואס דינען דעם אויבערשטן צוזאמען - פארוואס האט דער רבונו של עולם אזוי געמאכט? ס'איז צוליב א סיבה, ס'איז נישט סתם.

דער רבש"ע איז מזמין אז די מענטשן טרעפן זיך, און די מענטשן האבן.. ס'איז דא א געוויסע שייכות צווישן די נפשות, און ס'איז דא א געוויסע זאך וואס קומט ארויס דוקא פון די נפשות, און דאס איז נצח נצחים. די זאך וואס קומט ארויס פון די נפשות איז נצח־נצחים. אפילו שפעטער קען זיין אז ס'ווערט נשתנה: מענטשן גייען אריבער דירות, כל מיני זאכן ווערן נשתנה – אבער וואס ס'איז געווען אין יענער צייט איז א פעולה נצחית, ס'ווערט פון דעם א מציאות נצחית. ס'איז דא, אין דעם נפש איז עס דא.

'אהבת ישראל' און 'אהבת חברים'

אין הלכות ברכות הראיה ברענגט רבי נתן וועגן דעם אז מ'מאכט א "שהחיינו". אז מ'זעט נישט א חבר (א תקופה), מאכט מען שהחיינו. זאגט רבי נתן דארטן, אז דער עיקר חיות, שטייט אין חז"ל [טו] **"או חברותא או מיתותא"** – דער עיקר חיות אין מען מקבל מאהבת החברים, אזוי זאגט רבי נתן.

זאגט רבי נתן, אז מ'מאכט 'שהחיינו' נאר אויף אזעלכע וואס מ'איז נאנט מיט זיי, וואס מ'איז פון איין שורש. איי, זאג אויף יעדער איד? ס'איז טאקע יעדער איד; בכח איז עס אויף יעדער איד, אבער בהתגלות (בפועל), אז א מענטש זאל פילן אז דער חיות זיינער איז פון די חברים - איז פון די חברים וואס ער איז מיט זיי נענטער.

בעצם האט יעדער איד אין זיך דעם שורש. **"וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"** [טז] גייט אויף גאנץ כלל ישראל, מ'דארף ליב האבן יעדן אידן. אבער אף־על־פי־כן איז דא א עקסטערע אזהרה אויף אהבת חברים. ס'איז דא **"אהבת ישראל"**: מ'דארף ליב האבן יעדן איד. שפעטער איז דא **"אהבת חברים"**: מיט חברים דארף מען זיך נאך מער ליב האבן.

זאגט רבי נתן, אז חברים וואס לערנען צוזאמען תורה, וואס זענען עוסק צוזאמען אין עבודת ה', דארפן זיך מער ליב האבן. פארוואס? ווייל דארטן קומט מער ארויס, ס'ווערט מער נתגלה דארטן.

ס'איז די זעלבע אהבת ישראל: איך האב אים ליב ווייל ער איז א איד, און איך האב ליב יעדן איד. **"ואהבת לרעך"** מיינט **"לרעך במצוות"** [יז], תורה

טו. תענית כג.

טז. ויקרא יט, יח.

יז. ראה בליקוטי הלכות הל' ברכות הראיה ד, ד: **וְעִקַּר הָאַהֲבָה הוּא לֶאֱהֹב אֶת יִשְׂרָאֵל הַמְקַיְּמִים אֶת הַתּוֹרָה**, כִּי מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר בְּתַכְלִית וְאֵין בּוֹ שׁוּם טוֹב, בְּוַדַּאי מִצְוָה לִשְׂנֹא אוֹתוֹ

ומצוות. דער גאנצע ליב האבן א איד מיינט אלץ תורה ומצוות. אבער א חבר וואס בפועל בין איך עוסק מיט אים בתורה ומצוות, איז עס מער בהתגלות, מער מן הכח אל הפועל.

אוודאי, צדיקים וואס זענען זוכה דערהויבן צו ווערן, שפירן א קשר צו יעדן איד ממש, יעדער איד! ער קען קראנק ווערן פאר יעדן איד. וואס מער מ'ווערט דערהויבן, ווערט מען בכלל נענטער צו דער מידה פון שלמות הנפש, פון אהבה, פון ליב האבן יעדן איינעם "כמוך" ממש. אבער ביי יעדער איינעם, די חברים וואס מיט זיי איז מען נאנט, איז דא א עקסטערע, מער אזהרה פון אהבת חברים.

(**שואל:** דארף מען האבן א חבורה פיר און צוואנציג שעה?) וואס מ'דארף, ווייס איך נישט וואס מ'דארף. יעדער משהו וואס ס'איז דא, איז כולו רווח. און אז ס'איז פיר און צוואנציג שעה, איז עס נישט צו פיל... דאס איז זיכער.

(**ש:** דער מושג פון א 'חבורה' איז דוקא ווען די זאך איז דער נפש, צו ס'איז אויך ווען מ'קומט צום דאווענען וכדו'?) ס'איז נישט קיין דבר התלוי בזמן. אהבת חברים איז א מידה וואס ס'קען זיין א מידה תמידית.

אבער דער דאווענען, אזוי שטייט, אזוי האבן מיר געלערנט יענע וואך: דער דאווענען איז שטארק מקשר די נפשות. די שול ווערט אנגערופן **"בית הכנסת"**, ווייל דער דאווענען איז מכנס די נפשות[יח]. דער דאווענען איז א

בְּתַכְלִית הַשִּׂנְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב תַּכְלִית שִׂנְאָה שְׂנֵאתִים. רַק **עִקַּר מִצְוַת "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ" הוּא 'לְרֵעֲךָ בְּמִצְווֹת'. דְּהַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ וְלִמְצֹא בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֵיזֶה זְכוּת וְטוֹב כְּדֵי לֶאֱהֹב אוֹתוֹ כְּנַפְשׁוֹ**. כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אִי אֶפְשָׁר שֶׁאֵין בּוֹ אֵיזֶה צַד טוֹב וּזְכוּת וְכַמְבֹאָר עַל פָּסוּק וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְכוּ' עַיֵּן שָׁם, (בְּסִימָן רפב בְּלִקּוּטֵי א).

יח. ראה ליקוטי הלכות הל' בית הכנסת א, א: **כִּי בֵּית הַתְּפִלָּה נִקְרָא 'בֵּית הַכְּנֶסֶת' עַל שֶׁשָּׁם מִתְכַּנְּסִין כָּל הַנְּפָשׁוֹת עַל-יְדֵי הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין שָׁם**. כִּי הַתְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת נֶפֶשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ (בְּסִימָן מו). וְעַל-כֵּן עִקַּר הַתְּפִלָּה בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וּבְצִבּוּר, **כִּי עִקַּר עֲלִיַּת הַנֶּפֶשׁ וּשְׁלֵמוּתָהּ הוּא כְּשֶׁנִּכְלָלִין כָּל הַנְּפָשׁוֹת וְנַעֲשִׂין אֶחָד, כִּי אָז עוֹלִין אֶל הַקְּדֻשָּׁה**, כִּי הַקְּדֻשָּׁה הוּא אֶחָד, וּכְמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י (שְׁמוֹת א) עַל שִׁבְעִים נַפְשׁוֹת בֵּית יַעֲקֹב שֶׁכֻּלָּן נִקְרָאִין נֶפֶשׁ אֶחָד. **וְעַל-כֵּן הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַנֶּפֶשׁ, עִקָּרָהּ תָּלוּי כְּשֶׁנִּתְאַחֲדִין הַנְּפָשׁוֹת**.

פעולה וואס איז מכנס די נפשות. די שלמות הנפשות איז דער אחדות, און דאס ווערט פון דאווענען, און ס'איז משפיע אויף א גאנצע צייט.

וואס מער א מענטש גייט מיט דעם, איז עס משפיע מער בתמידות. אוודאי אזוי.

מ'קען נישט זאגן פונקט וויפל איז דער חיוב, ס'איז "אלו דברים שאין להם שיעור". אדרבה, וואס א מענטש איז זוכה ווי מער, אדרבה! 'אלו דברים שאין להם שיעור'. אבער (ס'איז) אויך 'אין להם שיעור למטה': **יעדער ביסל איז געוואלדיג, יעדער ביסל איז געוואלדיג!**

"עיקר החיות הוא על ידי אהבת חברים"

(**שואל:** וואס מיינט, וואס מ'האט איבערגעזאגט פון רבי נתן, אז דער חיות קריגט מען פון א חבר? וואס מיינט עס למעשה?) ס'איז א מציאות! וואס פרעגסטו מיר "למעשה"? ס'איז א מציאות, אז א חיות - דער חיות! פשוט, דער עיקר החיות - איז מען מקבל פון די חברים. א מענטש אן א חבר איז "או חברותא או מיתותא". א מענטש האט חברים, קומט אים צו חיות, לעבט ער מער.

ס'איז דא א הלכה: "**הרואה את חברו לאחר שלושים יום, מברך שהחיינו. לאחר שנים עשר חודש, מברך מחיה המתים**". וואס איז דער פשוט'ער טייטש? אז ביז דרייסיג טעג מאכט מען שהחיינו, אז מ'האט אים דערלעבט. און אז ס'איז שוין אריבער א יאר, איז דאס שוין מחיה המתים – (אזוי ווי) ער

וְעַל-כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל עָלָיו קֹדֶם הַתְּפִלָּה מִצְוַת עֲשֵׂה 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', וּכְמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ (סִימָן רלט), שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי הַתְּפִלָּה כִּי אִם עַל-יְדֵי הַשָּׁלוֹם שֶׁנִּתְחַבֵּר עִם כָּל נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל. וְעַל-כֵּן עִקַּר הַתְּפִלָּה בְּצִבּוּר וְלֹא בְּיָחִיד, שֶׁלֹּא יִהְיֶה כָּל אֶחָד חָלוּק בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁזֶּה הֵפֶךְ הַקְּדֻשָּׁה, רַק צְרִיכִין לְחַבֵּר יַחַד הָעֵדָה הַקְּדוֹשָׁה וְנַעֲשִׂין בִּבְחִינַת אֶחָד, וְזֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה בְּצִבּוּר וּבְבֵית הַכְּנֶסֶת דַּוְקָא שֶׁשָּׁם נִתְכַּנְסִין וְנִתְאַחֲדִין הַנְּפָשׁוֹת, וְזֶה הוּא שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה כַּנַּ"ל.

איז שוין געשטארבן, מ'דארף שוין תחית המתים... מ'זעהט זיך מיט א חבר איז עס תחית המתים!

אזוי זאגט ער [ברענג א ליקוטי הלכות חלק ב'] אזוי זאגט ער דא, אין הלכות ברכות הראיה הלכה א':

"כִּי אִיתָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא (בְּסִימָן עב), שֶׁעַל־יְדֵי שֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמָם עִם הַצַּדִּיק, עַל־יְדֵי זֶה מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה, וְעִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא שִׁפְלוּת וְכוּ'. כִּי עַל־יְדֵי הָרְאִיָּה מִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ, וּכְפִי הַהִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ כֵּן מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה, וְעַל־יְדֵי זֶה נִמְשָׁכִין בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה.. [- קוקט'ס וואספארא הויכע זאכן רבי נתן איז דאס מקשר צו די זאך פון זעהן א חבר!] **עַיֵּן שָׁם כָּל זֶה הֵיטֵב.. נִמְצָא, שֶׁעַל־יְדֵי מַה שֶּׁרוֹאִין אֶת עַצְמָם עִם הַצַּדִּיק, עַל־יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים כַּנַּ"ל, וְכַמְבֹאָר הֵיטֵב בַּמַּאֲמָר הַנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם".**

איז ער ממשיך דא: **"וְאַף־עַל־פִּי שֶׁהָעִקָּר הוּא הַצַּדִּיק הַדּוֹר** [- אז מ'זעהט זיך מיטן צדיק הדור] **בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁיֵּשׁ לוֹ זֶה הַכֹּחַ שֶׁעַל־יְדֵי רְאִיָּתוֹ לְבַד מִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ וְכוּ'..** - **עִם כָּל זֶה, בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ נְקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהִיא בְּחִינַת צַדִּיק.. וְהַנְּקֻדָּה טוֹבָה הַזֹּאת, שֶׁהִיא בְּחִינַת צַדִּיק, הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה; כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הוּא כְּלָלִיּוּת כָּל יִשְׂרָאֵל, וְהוּא מִתְפַּשֵּׁט בְּכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת צַדִּיק, בְּחִינַת מֹשֶׁה, וְכַמּוּבָן גַּם־כֵּן בַּמַּאֲמָר הַנַּ"ל וּבְמָקוֹם אַחֵר** (בְּסִימָן כו בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא), **שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ מִתְלַבֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל.**

וְעַל־כֵּן גָּדוֹל הַשָּׁלוֹם וְאַהֲבָה שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', וְאָמַר רַבִּי עֲקִיבָא: 'זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה'. כִּי עַל־יְדֵי הָאַהֲבָה שֶׁבֵּין אֶחָד לַחֲבֵרוֹ, עַל־יְדֵי זֶה נִכְלָלִין זֶה בָּזֶה, וּמְאִירִין זֶה בָּזֶה, וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין.

כִּי עִקַּר הָאַהֲבָה הִיא שֶׁיִּהְיוּ רוֹאִין זֶה אֶת זֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמָקוֹם אַחֵר.. שֶׁעִקַּר הָאַהֲבָה שֶׁיִּהְיוּ רוֹאִין זֶה אֶת זֶה, שֶׁלֹּא יוּכְלוּ כָּל אֶחָד לִסְבֹּל כְּלָל שֶׁלֹּא יִרְאֶה אֶת חֲבֵרוֹ וְכוּ'.. כִּי כְּשֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה, אֲזַי מְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין, וּמִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ שֶׁל כָּל אֶחָד עַל־יְדֵי חֲבֵרוֹ; כִּי בְּכָל אֶחָד יֵשׁ נְקֻדָּה טוֹבָה שֶׁהִיא בְּחִינַת צַדִּיק, בְּחִינַת מֹשֶׁה, לְגַבֵּי חֲבֵרוֹ, וְעַל־כֵּן עַל־יְדֵי הַהִסְתַּכְּלוּת מִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ כַּנַּ"ל.

וְעַל־כֵּן עִקַּר הַחִיּוּת עַל־יְדֵי הַשָּׁלוֹם וְהָאַהֲבָה שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא בְּחִינַת 'רוֹאִין זֶה אֶת זֶה'; כִּי עִקַּר הַחִיּוּת הִיא מֵהַמֹּחַ וְהַשֵּׂכֶל, בִּבְחִינַת 'הַחָכְמָה תְּחַיֶּה'

וְכוּ', וְעִקַּר הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ הוּא עַל־יְדֵי שֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה כַּנַּ"ל, שֶׁעַל־יְדֵי זֶה זוֹכִין לִבְחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים, בְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים כַּנַּ"ל.

וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא'; כִּי עִקַּר הַחִיּוּת הוּא עַל-יְדֵי אַהֲבַת הַחֲבֵרִים, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה מְאִירִין זֶה בָּזֶה וּמִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ, שֶׁזֶּה עִקַּר הַחִיּוּת, בְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים; כִּי עִקַּר הַחִיּוּת הוּא אַהֲבָה וְשָׁלוֹם. וְזֶהוּ 'אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא', כִּי כְּשֶׁאֵין אַהֲבָה וְיֵשׁ פֵּרוּד, אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל חִיּוּת, וְהוּא בְּחִינַת מִיתָה, בְּחִינַת 'כִּי הַמָּוֶת יַפְרִיד'; כִּי הַפֵּרוּד שֶׁבֵּין אִישׁ לְרֵעֵהוּ, זֶה בְּחִינַת מִיתָה וְכַנַּ"ל.

וְזֶה בְּחִינַת 'כִּי עַזָּה כַמָּוֶת אַהֲבָה', כִּי הָאַהֲבָה עַזָּה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁנִּיחָא לָמוּת חַס וְשָׁלוֹם בִּשְׁבִיל הָאַהֲבָה, כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם לְעִנְיַן אַהֲבַת הַשֵּׁם עַל פָּסוּק הַנַּ"ל, שֶׁהָאַהֲבָה עַזָּה עַד שֶׁמַּנִּיחִין עַצְמָן לָמוּת עֲבוּרוֹ, עַיֵּן שָׁם. וְזֶהוּ גַּם-כֵּן לְעִנְיַן אַהֲבָה שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, שֶׁהָאַהֲבָה קָשָׁה וְעַזָּה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁנִּיחָא יוֹתֵר לָמוּת מִשֶּׁתִּתְקַלְקֵל הָאַהֲבָה חַס וְשָׁלוֹם, בְּחִינַת 'כִּי עַזָּה כַמָּוֶת אַהֲבָה', בְּחִינַת 'אוֹ חַבְרוּתָא' וְכוּ'.

כִּי עִקַּר הַחִיּוּת הוּא מֵאַהֲבָה וְהַשָּׁלוֹם כַּנַּ"ל; כִּי עַל־יְדֵי הָאַהֲבָה שֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה, כִּי זֶה עִקַּר הָאַהֲבָה כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי שֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה, וְכָל אֶחָד יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת צַדִּיק, עַל־כֵּן עַל־יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה מִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ, וּמִשָּׁם עִקַּר הַחַיִּים, בְּחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים, בְּחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים כַּנַּ"ל.

וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁמְּבָרְכִין 'מְחַיֵּה מֵתִים' כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת חֲבֵרוֹ לְאַחַר שְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ, וְדַיְקָא כְּשֶׁרוֹאֶה אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ בִּרְאִיָּתוֹ, כַּמְבֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ; כִּי חֲבֵרִים הָאוֹהֲבִים זֶה אֶת זֶה, בְּוַדַּאי הֵם קְרוֹבִים וּסְמוּכִים בְּשָׁרְשָׁם, וְעַל־כֵּן הֵם צְרִיכִים זֶה לָזֶה, שֶׁיָּאִיר כָּל אֶחָד בַּחֲבֵרוֹ, וּכְשֶׁאֶחָד מִסְתַּכֵּל בַּחֲבֵרוֹ, עַל־יְדֵי זֶה מִתְנוֹצֵץ הַמֹּחַ, וְעַל־יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ תְּחִיַּת הַמֵּתִים כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן הֵם מְבָרְכִין 'מְחַיֵּה הַמֵּתִים' כְּשֶׁרוֹאִין זֶה אֶת זֶה; כִּי עַל־יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמָם עִם הַצַּדִּיק, עַל־יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה תְּחִיַּת הַמֵּתִים כַּנַּ"ל, וּבְכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת צַדִּיק כַּנַּ"ל".

א גאנצער המשך האט ער דא נאך שפעטער: **"וְכֵן חֲבֵרִים הָאוֹהֲבִים זֶה אֶת זֶה, וְהֵם צְרִיכִים לְהָאִיר זֶה בָּזֶה כַּנַּ"ל, כִּי הֵם מִשֹּׁרֶשׁ אֶחָד וְכוּ' כַּנַּ"ל - הֵם צְרִיכִים גַּם-כֵּן לִרְאוֹת זֶה אֶת זֶה, עַל כָּל פָּנִים פַּעַם אַחַת בְּשָׁנָה, כַּנַּ"ל".**

(**שואל:** ווי באקומט מען, ווי מ'זעט ביי **רבי נתן ב"ר יהודה**, אזא פעסטע אהבה, אזעלכע לשונות, אזא געפיל ממש, אזא... ווי באקומט מען אזא געפיל צו א חבר?) וואס שטייט דא? וואספארא געפיל דארף מען האבן צו א חבר, לויט וואס ס'שטייט דא?!

(**ש:** ווי באקומט מען דאס?) אז ס'שטייט אז ס'איז אזוי, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו גלייבן אין דעם, אז דאס איז דער אמת. אז דאס איז דער אמת - אז מיין חיות איז תלוי אין די חברים; יעדער איינער זיין נקודת צדיק, וואס איז א חלק פון צדיק, וואס שיינט אריין דורך די חברים. דאס איז דער אמת! ס'איז נישט קיין אייגענע המצאות, דאס איז דער אמת.

די ליכטיגקייט וואס מ'באקומט פון חברים

דאס האט מען געערדט יענע וואך: אז מ'דארף וויסן אז נישט מ'האט 'געמאכט' א חבורה - מ'האט נישט געמאכט א חבורה! קיינער מאכט נישט אליין קיין זאכן. ס'איז דא א רבי, וואס ער פארעט זיך מיט די נפשות, און ער ברענגט צו זאם נפשות אין דעם פלאץ. דער וואוינט אין דער שטאט, דער וואוינט אין דער שכונה, ער לערנט אין דער שול... ער דרייט אן. דער רבי האט אונז אנגעברענגט.

יעצט דארף מען זיך שטארקן צו וויסן: מ'האט אונז אנגעברענגט בכוונה, ס'איז דא עפעס א מכוון אין דעם, ס'איז דא א תכלית אין דעם. מ'דארף וויסן אז יעדער איינער פון דא איז א ענף פון דעם רבי'ן; יעדער איינער דא איז א חלק, גאר א טייערער חלק, פון דעם נשמת הצדיק אליין - און אז מ'וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט ארויסקומען דברים נפלאים, דברים נפלאים! דאס איז דער אמת.

יעצט, אזוי ווי אלע דברים שבקדושה, דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן. יעדע זאך דארף מען בעטן דעם אויבערשטן. יעדע זאך וואס מ'וויל ס'זאל קומען לידי מעשה, דער בעסטער געצייג (כלי) פאר דעם איז בעטן דעם אויבערשטן. פשוט! דער רבי האט געוואלט אז מ'זאל רעדן צום אויבערשטן פראסט און פשוט, אין יעדן נושא.

"רבונו של עולם, דו האסט מיר דא צוזאמגענומען מיט חברים, האסט מיר געברענגט דא צו וואוינען, דא צו דאווענען; מיט די חברים זיך צו האלטן, מיט די חברים גיין מקבל זיין דער רבי. מיט די נפשות זאל נתגלה ווערן די 'נקודת צדיק' פון יעדן איינעם, און מיט דעם זאל נתגלה ווערן דער צדיק אליין, וואס שיינט אריין אין די נפשות. קען ווערן פון דעם א געוואלדיגע חיות; עד כדי כך, צו צוקומען צו אזא מצב, זאל זיין ***"עזה כמות אהבה"***: *ס'זאל זיין ניחא דער טויט ווי צו דאס מוותר זיין. פשט איז: האסט אונז געגעבן, אזא מתנה האסטו אונז געגעבן... העלף אונז זוכה זיין צו מקבל זיין די מתנה!"*

אז מ'בעט דעם אויבערשטן, העלפט דער אויבערשטער. הויבט מען אן עפעס מרגיש זיין, הויבט מען אן עפעס גלייבן, הויבט אן צו אריינגיין עפעס. דאנקט מען דעם אויבערשטן, מ'הויבט זיך אן פירן מיט דעם. און אז מ'הויבט אן גיין מיט דעם, באקומט מען הארה; בעט מען ווייטער דעם אויבערשטן, באקומט מען נאך, און אזוי ווערט זאכן.

בפרט אז מ'הויבט אן זעהן אז ס'ברענגט ארויס פירות, מ'שטארקט זיך טאקע, ס'קומט ארויס פון דעם פעולות, אזוי גייט מען ווייטער. דאס איז די פשיטות פון די זאך, די תמימות פון די זאך.

(**שואל**: ווי זעהט מען אין די הלכה [וואס מ'האט געליינט פריער] די וויכטיגקייט פון דעם?) **ער זאגט** אז ס'איז בעסער דער טויט אן דעם. (שואל: אז מ'באקומט די אהבה, איז מען מסכים צו...) ניין, ער זאגט אז שהחיינו.. ער זאגט אז שהחיינו, ווייל דער עיקר החיות

באקומט מען פון אהבת חברים. עיקר החיות באקומט מען פון אהבת חברים.. אזוי זאגט ער.

אזוי ווי דו פארשטייסט, אויב דו פארשטייסט די זאכן קענסטו פארשטיין פון יעדער איינער (וואס האט חתונה); א שטוב - ווי איז געבויעט א שטוב? א שטוב איז אויך געבויעט פון צוויי מענטשן וואס האבן זיך נישט געקענט פארדעם. זיי האבן חתונה, און ס'בויעט זיך אויף א גאנצע שטוב פון דעם. זאג א מענטשן, פאר אלעס, זאג אים אז ס'גייט באלד זיין עפעס; וועסט זיך צובינדן מיט א מענטשן, וואס אין דעם קשר זאל זיין תלוי אזוי פיל זאכן... - ס'קוקט אים נישט (אויס), לא מיניה ולא מקצתיה! אבער אז דער אויבערשטער העלפט, מ'האט חתונה... **"שכינה שרויה ביניהם"**[יט].

ס'איז אויך די זעלבע זאך, אויף דעם זעלבן יסוד גייט עס. 'שכינה שרויה ביניהם', אז די שכינה איז מקשר צווישן זיי, ס'ווערט איין מענטש. ס'הויבט זיך אן בויען א שטוב, מען טראגט צוזאמען א עול: א עול פון מגדל זיין קינדער, א עול פון יראת שמים, פון אידישקייט, פון שטיין אויף די עקרונות פון אידישקייט, פון צניעות, און פון אמונה, און פון תפילה, און פון צדיק, און נאך אזעלכע זאכן - אלע זאכן וואס גייט אריין אין א שטוב. דאס איז די שטוב, דאס איז שוין ממש... דאס איז די גאנצע... ס'איז אן א שיעור דרגות, יעדע שטוב וויפל מ'נעמט... אזוי ווערט עס.

די זעלבע זאך ביי חברים אויך: אויב מ'גייט צו צו דעם ענין מיט א ערנסטקייט, מ'ווערט שטארקער – שפעטער זעהט מען אזעלכע זאכן, אזעלכע פעולות! ווער האט זיך געקענט גלייבן פארדעם אז ס'וועט זיין? ווער האט זיך געקענט גלייבן?! ס'קומען ארויס אזעלכע דיבורים, מיט אזעלכע בירורים, מיט אזא שטארקייט אינעם רבי'ן!

מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואס ס'ווערט מיט די צייט - אז מ'גייט מיט תמימות, מיט דער פשוט'ער תמימות אין דעם. די פשוט'ע חברים, אזוי

יט. סוטה יז. (וראה ליקוטי הלכות הל' שלוחין ג, ל"ב).

ווי זיי זענען. יעדע פָּאר חברים, קענען אראפברענגען א ליכטיגקייט אויף דער וועלט וואס איז נישט פארצושטעלן, נישט צו גלייבן! אזוי איז דער מציאות.

דער גאנצער רבי'נס-זאך איז: דער רבי דערציילט אונז, אין יעדע תורה, אין יעדע הלכה, אלץ, דערציילט אונז דער רבי די מציאות פון א זאך. דאס איז די מציאות, דאס איז דער מציאות! יעצט, הויב אן בעטן דעם אויבערשטן, וועסטו זעהן, וועסטו זעהן אז ס'וועט אזוי זיין, ווייל ס'איז טאקע אזוי. ס'איז בדוק ומנוסה. **יעדע זאך פון דעם רבי'ן קען מען צושרייבן צו דעם "בדוק ומנוסה"**; יעדע נקודה פון דעם רבי'ן איז בדוק ומנוסה!

(שואל: וואס זאגסטו אויף אהבת חברים "בדוק ומנוסה"?) ס'איז בדוק ומנוסה, אז אהבת חברים ברענגט ארויס דעם רבי'ן!

אלץ וואס מיר האבן פון רבי'ן איז פון געוויסע ווינקאלאך צווישן אונזערע לייט, וואס האבן זיך צאמגענומען מיט אביסל אהבת חברים, מיט אביסל אמת - האט עס ארויסגעברענגט דעם רבי'ן. ווען ס'וואלט געווען צווישן אונזערע לייט מער אהבה, וואלט עס מער ארויסגעברענגט...[כ].

און היינט איז עס מוטל אויף אונז: וואס מער ס'איז דא אהבת חברים, אלץ מער ברענגט מען ארויס. די זעלבע שכונה, די זעלבע שול – מ'קען זיך טרעפן צוואנציג יאר ארום פארשלאפן, אן גארנישט; און די זעלבע מענטשן,

---

כ. ראה ב"טעם זקנים" קונטרס כ"ט (עמ' 1.1.): איך האב געהערט - **רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: "מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבין, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען מיט אהבה!** מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען און האבן אהבה".

וראה ב"נתיב צדיק" מכתב מ"ט: כי אין לנו להשען כי אם על אבינו שבשמים ועל כח רבינו ז"ל ותלמידו הקדוש ועל אהבת חברים **כי אנן בחביבותא תליא מלתא ואם נהיה אוהבים באמת כאשר היה רצון רבינו ז"ל, לא היה שולט בנו שום דבר.** ועיקר אהבה צריך להיות שעל כל פשעים תכסה אהבה ולדון את כל אחד לכף זכות ואפילו את עצמנו, **ורבינו ז"ל הזהיר מאד מאד על זה, כי כל יהדותינו תלויה בזה ועל זה אנו צריכין לבקש יומם ולילה.**

אזוי ווי זיי זענען, קענען זיך שטארקן, און ס'ווערט דארט א מדורה, ס'ווערט א פייער, א ליכטיגקייט פון רבי'ן! א כח עצום - פאר זיך, פאר די קינדער און פאר די גאנצע וועלט. ס'ברענגט ארויס א מורא'דיגע ליכטיגקייט.

יעדער איינער - א איד איז א חלק אלוק ממעל. יעדער איינציגער האט א מורא'דיגן כח, יעדער איינער איז א חלק פון צדיק, א כח פון צדיק, א התגלות פון צדיק. דעם רבי'נס זאך גייט דורך פשוט'ע מענטשן, אבער אויב זיי נעמען עס אָן ערנסט, קומט ארויס וואס ס'קומט ארויס פון דעם...

'דער רבינ'ס זאך' פירט זיך אויס דורך חברים

(**שואל:** די אהבה צווישן חברים איז א זאך פאר זיך, צו ס'איז וואס דער רבי האט געזאגט: **"אז מ'וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט איר מיר ממשיך זיין"?**) וואס איז די אהבה? די אהבה איז, אז מיר זענען דעם רבי'נס מענטשן, און מיט דעם זענען מיר ממשיך דעם רבי'ן.

מיר זענען אלע ענפים פון רבי'ן, מיר זענען אלע ענפים פון רבי'ן. מיר זענען באמת - יעדער איינער פון אונז איז א חלק פון רבי'ן. א מענטש, אז מ'גלייבט - יעדער איינער, אז ער גלייבט: מ'גלייבט אין זיך, מ'גלייבט אין זיינע חברים, און ער איז מחשיב, ער איז מחשיב דעם ערך – דאס איז דער ערך פון דעם חבר.

גיי אריין - אנשטאט אריינגיין אין "תפארת הנחל", גיי אריין אין עפעס א גערער שול (א.ד.ג.), וועסטו מחליט זיין אז דו וועסט דארטן אריינברענגען דעם רבי'ן - ס'וועט דיר גיין? מ'וועט דיר ארויסטרייבן פון דארט! – "ס'נישט... רבי ר' נחמן איז געווען א גרויסער צדיק, (אבער) ס'איז נישט זיין פלאץ. מיר צאלן דא ארנונה, ס'איז אונזער פלאץ! דא לערנט מען "שפת אמת", און דא טוט מען וואס אונזערע רבי'ס האבן געזאגט" – בשום אופן נישט! על פי הלכה, מ'וועט גיין צום בית-דין, מ'וועט דיר ארויסווארפן, מ'וועט דיר ארויסווארפן פון דארטן! "דא איז נישט קיין ברסלב'ער פלאץ".

קומסט אריין אין "תפארת הנחל", ווילסט רעדן פון רבי'ן – אה! דא איז דער פלאץ! אין תפארת הנחל רעדט מען פון רבי'ן, דא לערנט מען ליקוטי מוהר"ן, דא קען מען רעדן פון רבי'ן, מען קען רעדן פון רבי'נס גרויסקייט, מ'קען זיך מחיה זיין מיטן רבי'ן, מ'קען אלעס. דא איז דער פלאץ, הער זיך איין - דא איז דער פלאץ!

איינער וועט מיר קומען זאגן: "איך האב נישט קיין נערוון. אפשר מוטשעסטו דא וויניגער? אפשר גייסטו ארויס פון דא?" – "הער זיך איין! **דא צאלט מען ארנונה, מ'זאל רעדן פון רבי'ן. האסט נישט קיין כח?** גיי אהיים! **דא אין שול רעדט מען פון רבי'ן!**".

(שואל: דער בעל דבר איז דא אויך אין 'תפארת הנחל'...) ער קומט צו כאפן פעטש. וואו וועט ער כאפן פעטש? קומט ער אריין אין תפארת הנחל, מ'זאל אים קענען אנפראסקען. טאמער ער וועט נישט קומען - ווער וועט אים פראסקען? ער דארף דאך איינער זאל אים אנפראסקען! קומט ער אריין דארטן צו כאפן אפאר פרעסק. זייער גוט! פאר דעם איז געמאכט געווארן די שול, צו אים אריין פראסקען[כא]... פארפאלן! וועגן דעם האט מען אויפגעשטעלט די שול.

[וויפל יאר שטייט שוין די שול? איך געדענק שוין נישט וויפל יאר. איך געדענק דעם שבת פון די "יציקת היסודות". מ'איז געקומען דא ביי עפעס א דירה. מ'האט געדאוונט ביי עפעס א דירה. פאר דעם איז די שול געווען אין עפעס א דירה.

איך געדענק עפעס א שבת, מ'איז געקומען פון ירושלים, מ'האט געדאוונט אין יענע דירה. ווען האט מען געגאסן די יציקת היסודות? (א' הנוכחים: תשנ"ח איז עס געווען) נ"ח, אה. נאכדעם, מוצאי שבת, איז געווען א מעמד יציקת היסודות. ס'איז געווען עפעס א בארג, מ'האט דארט עפעס אריינגעגראבן, און ס'איז געווען די יציקת היסודות].

כא. ראה באריכות ב"רוחא דחיי" קונטרס כ"ג (עמ' ל"ג-ל"ד).

על־כל־פנים, וואס האט מען געמיינט דעמאלט'ס מיט די יציקת היסודות? מ'האט געמיינט אז מיר זאלן קענען; אז היינט, תשפ"א, זאל מען רעדן פון רבי'ן דארטן, זאל מען דינען דעם אויבערשטן, און דאווענען געשמאק. רעדן פון רבי'ן, דאס האט מען געמיינט, דאס איז איינגעשריבן אין די עמותה פון שול. שוין, איז 'חוקי' צו רעדן פון רבי'ן; צו זיך שטארקן איז געזעצליך, ס'איז על פי הלכה, ס'איז אויסגעהאלטן. דאס מיינט די שול.

אזוי גייט יעדע זאך, יעדע זאך – **"סוף מעשה במחשבה תחילה"**[כב], וואס מ'שטעלט אוועק די זאך - דאס איז די זאך. יעצט, וואס בלייבט אויף שפעטער? קענסט מממש זיין; דאס זענען דיינע זכויות, קענסט עס מממש זיין. ווילסט נישט? קען עס שטיין אזוי. אבער טאמער ביסטו מממש - דאס איז די זאך, דאס האט מען לכתחילה געמאכט.

שטעל זיך פאר, אז די מענטשן פון שול וואס האבן געמאכט די שול תשנ"ח – שטעל זיך פאר אז די מענטשן, נאך אפאר יאר וואס זיי האבן געמאכט די שול, וועלן מחליט זיין אז די שול זאל זיין א סטאלינ'ער שול... – מ'קען עס נישט מחליט זיין! די שול איז א ברסלב'ער שול, מ'האט עס אוועקגעגעבן פארן רבי'ן.

ס'איז א ברסלב'ער שול, דער רבי איז א בא בטענה. דער רבי זאגט: "ס'איז מיין שול, מ'האט עס געמאכט פאר מיינע געשעפטן. ווער ס'וויל דא העלפן פאר מיינע געשעפטן - איז גוט; ווער ס'וויל אוועקנעמען פון דעם - ער קען עס נישט משנה זיין". דאס איז געמאכט געווארן פארן רבי'ן, ס'פירט זיך דא נאר לויט וואס דער רבי וויל. דאס איז די שול.

שוין. איז, די שול האט א בעל הבית: ס'האט איינער וואס איז מכוון די זאך, און ער איז א גרויסער בעל כח. און ווער ס'שטעלט זיך צו, צו וואס ער וויל - איז ער יונק פון הויכע פלעצער, באקומט ער שטארקע כוחות. דאס איז דער אמת. דאס איז די שול; נישט נאר די שול - די מענטשן אויך.

כב. פיוט "לכה דודי".

יעדער איינער וואס ווערט מקורב צום רבי'ן - ער זאגט: "רבי, איך בין מקורב געווארן צו דיר, איך געב זיך אוועק, איך בין זיך מקשר, מיר מיט מיינע דורות" - האט ער מקריב געווען פארן רבי'ן זיך מיט זיינע דורות. ס'איז א נייער מקורב – ער איז זיך מקריב, ער גייט אריין אין די זאך; שפעטער מאכט שוין דער רבי מיט אים וואס ער וויל. יעצט, טרעפן זיך צוויי אזעלכע מענטשן וואס געהערן צום רבי'נס-פעקל – ס'זענען מענטשן פון רבי'נס פעקל!

איך האב חברים. איך בין געווארן א ברסלב'ער אלס א יונגער בחור - בין איך געווארן א ברסלב'ער - און נאך אפאר חברים, וואס האבן זיך געצויגן צו ברסלב, און ס'האט זיי געפאלן, זיי זענען געגאנגען הערן שיעורים ביים אנהויב. אבער ס'איז געקומען א שלב וואס מ'האט געדארפט מחליט זיין אז מ'ווערט א ברסלב'ער. איך האב זוכה געווען, בין איך געווארן א ברסלב'ער; זיי זענען געבליבן אוהדים פון ברסלב ביז היינט.

איך קען זיך טרעפן מיט זיי - ס'איז שוין אריבערגעגאנגען דארטן פערציג יאר - און איך טרעף זיך מיט אזא מענטש: ער רעדט נאך מיט מיר אזוי ווי דעמאלט'ס, די זעלבע זאך, ער רעדט נאך מיט אזא אהדה צו ברסלב. ער איז געבליבן שטעקן, זאגט ער. ער איז נישט אריבער דעם כביש, ער איז געבליבן אויף יענער זייט, ער איז געבליבן אן אוהד פון ברסלב. שוין, איז ער א אוהד פון ברסלב.

איך האב געדארפט מחליט זיין: ווילסט ווערן א ברסלב'ער? דאס איז דאס - מ'דארף מחליט זיין. האסט מחליט געווען אז דו ווערסט א ברסלב'ער? פארטיג! ביסטו אריין אין רבי'נס פעקל.

טרעפן זיך צוויי ברסלב'ער פון פעקל - האט מען געטראפן א ברסלב'ער! אז מ'האט געטראפן א ברסלב'ער, איז עס א אנדער זאך: ס'איז א ברסלב'ער נשמה, ס'האט אין זיך כוחות, ס'ליגט אין דעם - ס'איז א צינור פון רבי'ן איז דאס. קען מען אן א שיעור מקבל זיין פון אים, קען מען אן א שיעור האבן תועלת, קען זיך אויספירן וואס דער רבי וויל אויספירן.

דער 'כלליות הגוונין' וואס ברענגט שלימות

(**שואל:** ס'שטייט דאך "**כשם שפרצופיהם אינם שוים כך דעותיהם אינם שוות**"[כג], ווי באגייט מען זיך מיט אזא זאך? אז למשל ביים דאווענען: איינער האט ליב צו שרייען ביים דאווענען, איינעם שטערט עס גאר אז איינער שרייט – ווי בינדט מען זיך צו צו דעם אחדות פון די זאך, ווען ס'איז דא אסאך חילוקי דעות, שינויי דעות?) **דער** כלל איז אלעמאל: "**אהבה מקלקלת את השורה**"[כד], "**עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה**"[כה] – אז ס'איז דא אהבה, קען מען אויך ליידן א צווייטן וואס האט א צווייטע נאטור.

אדרבה, איך האב אזא נאטור, יענער האט אזא נאטור; מ'דארף אויך מיין נאטור, מ'דארף אויך זיין נאטור. איך דארף אנקומען צו זיין נאטור, ער דארף אנקומען צו מיין נאטור. אויב ס'איז דא אהבה, איז איינער משלים דעם אנדערן[כו].

כג. במדבר רבה כא, ב.

כד. בראשית רבה נה, ח.

כה. משלי י, יב.

כו. ראה בליקוטי הלכות הל' ברכות הראיה ד, ד: **כִּי עַל-יְדֵי קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות נִתְקַשְּׁרִין וְנִכְלָלִין כָּל שִׁנּוּי הַדֵּעוֹת יַחַד**. לְמָשָׁל דֵּעָה שֶׁל זֶה נוֹטָה לְחֶסֶד תָּמִיד, וְדֵעָה שֶׁל זֶה נוֹטָה לִגְבוּרָה, **וְעַל-כֵּן הֵם מְשֻׁנִּים בְּדֵעוֹתֵיהֶם וְיֵשׁ בֵּינֵיהֶם מַחֲלֹקֶת**. אֲבָל כְּשֶׁמְּבַטְּלִין שְׁנֵיהֶם רְצוֹנָם מִפְּנֵי רְצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ, וְזֶה אֵין מְשַׁמֵּשׁ בְּמִדַּת חַסְדּוֹ כִּי אִם בִּשְׁבִיל רְצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ לַעֲשׂוֹת טוֹב וָחֶסֶד עִם אוֹהֲבֵי ה'. וּלְהֵפֶךְ כְּשֶׁרוֹצֶה עַל-יְדֵי מִדַּת הַחֶסֶד שֶׁיֵּשׁ לוֹ לְהֵיטִיב עִם שׂוֹנְאֵי ה' חַס וְשָׁלוֹם, אוֹ שֶׁמַּגִּיעַ לוֹ אֵיזֶה תַּאֲוָה וְאַהֲבָה רָעָה שֶׁנִּמְשֶׁכֶת מִמִּדַּת הַחֶסֶד שֶׁהוּא בִּבְחִינַת אַהֲבָה, אֲזַי מְשַׁבֵּר תַּאֲוָתוֹ וְאַהֲבָתוֹ וְאֵינוֹ עוֹשֶׂה עִם מִדַּת חַסְדּוֹ שׁוּם דָּבָר שֶׁהוּא כְּנֶגֶד רְצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ, רַק מַה שֶּׁהוּא רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת. וַאֲזַי נִכְלָל עִם מִדַּת חַסְדּוֹ בָּרָצוֹן הָעֶלְיוֹן בַּה' יִתְבָּרַךְ. וְכֵן חֲבֵרוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ מִדַּת גְּבוּרָה, כְּשֶׁאֵינוֹ מִשְׁתַּמֵּשׁ עִם גְּבוּרָתוֹ כִּי אִם בִּשְׁבִיל ה' יִתְבָּרַךְ לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וְלִנְקֹם בְּשׂוֹנְאֵי ה' וְכוּ', וּמַה שֶּׁהוּא נֶגֶד רְצוֹן ה' יִתְבָּרַךְ מְבַטֵּל טִבְעוֹ וּרְצוֹנוֹ כַּנַּ"ל, אֲזַי הוּא נִכְלָל עִם מִדַּת גְּבוּרָתוֹ בַּה' יִתְבָּרַךְ, **וַאֲזַי אֵלּוּ שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם אַף-עַל-פִּי שֶׁהֵם נִדְמִים כִּשְׁנֵי הֲפָכִים בְּדֵעוֹתֵיהֶם, אַף-עַל-פִּי-כֵן בְּשֹׁרֶשׁ רְצוֹנָם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד. כִּי שְׁנֵיהֶם רְצוֹנָם לַעֲשׂוֹת רַק רְצוֹן קוֹנָם, זֶה בְּחֶסֶד, וְזֶה בִּגְבוּרָה, וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת נִכְלָלִים שְׁנֵיהֶם בִּמְקוֹר הָאַחְדוּת שֶׁהוּא הָאֶחָד הַפָּשׁוּט יִתְבָּרַךְ**. וְכֵן כְּלַל יִשְׂרָאֵל כָּל אֶחָד וְאֶחָד עַל-יְדֵי

שטעל זיך פאר א שול וואס אלע קענען דארטן פארעכטן לעקטער – מ'דארף נישט אזוי פיל מענטשן וואס פארעכטן לעקטער! איינער קען פארעכטן לעקטער, איינער קען שפאנז'ען, איינער קען דאווענען גוט, איינער קען לערנען גוט, יעדער... (- איינער אין זיין זאך). אין דאווענען אליין: איינער שרייט, איינער דאוונט רוהיג; איינער דאוונט מיט א ניגון, איינער שרייט אָן א ניגון. יעדער איינער – דאס איז די **"כלליות הגוונין"** פון תפילה.

תפילה באמת ווערט פון אלע חלקי הנפשות, פון דעם ווערט די תפילה. אויב איך מיין אז איך ווייס, אז איך ווייס וואס אלע דארפן - דאס איז א פראבלעם. אז איך ווייס אז אלע דארפן זיין אזוי ווי איך פארשטיי - איז א פראבלעם. איך האלט נישט אז..

אדרבא, 'כשם שפרצופיהם אינם שוים כך דעותיהם אינם שוות' – מוז דאך זיין אז איך פארשטיי נישט אלץ וואס ער פארשטייט, און ער פארשטייט נישט אלץ וואס איך פארשטיי. ער מוז נישט פארשטיין אזוי ווי איך פארשטיי.

נאר וואס? ער מיט זיין דעה און איך מיט מיין דעה, איך מיט מיין פרצוף און ער מיט זיין פרצוף - צוזאמען קומט ארויס א שלימות[כז].

מְעַט הַטּוֹב שֶׁבּוֹ, הוּא נִכְלָל בְּאַחְדוּת עִם כְּלַל יִשְׂרָאֵל וּבִבְחִינָה זוֹ צְרִיכִין לֶאֱהֹב כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כְּנַפְשׁוֹ, דְּהַיְנוּ לִמְצֹא בּוֹ מְעַט טוֹב לָדוּן הַכֹּל לְכַף זְכוּת. שֶׁעַל-יְדֵי זֶה נִכְנָסִין כֻּלָּם בָּאֱמֶת לְכָל זֶה כַּמְבֹאָר בַּסִּימָן הַנַּ"ל.

כז. ראה בליקוטי הלכות הל' הכשר כלים ד, מ: וְעַל-כֵּן צְרִיכִין הַרְבֵּה תַּלְמִידִים שֶׁיּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ הָרוּחַ חַיִּים הַנַּ"ל, בִּבְחִינַת פִּי שְׁנַיִם מֵרַבָּם, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וְהֶעֱמִידוּ תַּלְמִידִים הַרְבֵּה. וְזֶהוּ בְּחִינַת מַעֲלַת רִבּוּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁה' יִתְבָּרַךְ וְהַצַּדִּיקִים מְבָרְכִים בָּזֶה כַּמָּה פְּעָמִים.. **כִּי כָּל מַה שֶּׁמִּתְרַבִּין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים הַנִּלְוִים אֶל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, מְקַבְּלִין יוֹתֵר הָרוּחַ חַיִּים** הַנַּ"ל בִּבְחִינַת פִּי שְׁנַיִם הַנַּ"ל, כִּי יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ יוֹתֵר לְקַבְּלוֹ עַל-יְדֵי רִבּוּי הַכֵּלִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל כָּל אֶחָד, **אֲבָל צְרִיכִין שֶׁיִּהְיֶה בֵּינֵיהֶם אַהֲבָה גְּדוֹלָה בִּבְחִינַת אַהֲבַת חֲבֵרִים**, שֶׁלֹּא תִּתְגַּבֵּר הַסִּטְרָא אַחְרָא.. וְעַל-כֵּן לִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מַחֲלֹקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָן, שֶׁאֶחָד מוֹנֵעַ לַחֲבֵרוֹ. וְאֵלּוּ הַמְּנִיעוֹת גְּדוֹלִים מֵהַכֹּל, כַּיָּדוּעַ, **כִּי בְּהַרְבֵּה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יֵשׁ שִׁנּוּי דֵּעוֹת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁאֵין דַּעְתָּם שָׁוָה זֶה לָזֶה, אֲבָל צְרִיכִים שֶׁבְּכָל שִׁנּוּי דֵּעוֹתֵיהֶם יְכָלְלוּ יַחַד בְּרַבָּם הָאֲמִתִּי, וְאָז נַעֲשֶׂה**

ס'איז אלץ ערנסטע זאכן. ס'רעדט זיך דא נישט פון סתם זאכן, פון סתם עבודת המידות. (ווייל) "עבודת המידות", זאגט א מענטש, "וואס דארף איך האבן עבודת המידות? איך דארף זיך נישט טרעפן מיט אים - דארף איך נישט האבן עבודת המידות". אבער **דא רעדט מען נישט** (נאר) **פון עבודת המידות; דא רעדט מען אז ס'איז דא א רבי, און דעם רבי'נס זאך איז נישט נקנה אליין - מ'דארף זיין מיט חברים.**

איך דארף יענעם, יענער פעלט מיר אויס בנפשי, ער פעלט מיר באמת אויס בנפשי! און דאס וואס ער האט אן אנדער נפש – טאקע דערפאר וואס ער האט א אנדער נפש, טאקע דערפאר פעלט ער מיר אויס, ווייל איך דארף משלים זיין מיין נפש מיט אזעלכע נפשות וואס האבן א אנדער נפש. דאס איז די השלמה. וואס מער ער ווייסט וואס ער וויל דא, איז ער טאקע מקבל.

ס'נישט קיין טעכנישע זאך וואס מ'דארף זיך 'מסדר' זיין – "הער זיך איין, מ'מוז זיך קענען מסדר זיין, מ'דארף זיך קענען מסדר זיין מיט שכנים...". דער אמת איז, אפילו מיט שכנים, ס'שטייט כח אין ליקוטי הלכות אז שכנים איז אויך א ענין פון נשמות. אז דער אויבערשטער מאכט אז די צוויי זענען שכנים, איז דא עפעס א ענין אין דעם וואס זיי זאלן זיין שכנים. אפילו שכנים אין א בנין אויך זענען נישט סתם; על פי תורה איז נישטא קיין שום זאך סתם!

אבער אודאי, ווען מ'רעדט פון שכנים אין איין שול, שכנים אין איין חבורה, וואס זענען צוזאמען, אין מקבל זיין פון רבי'ן – איז דאס גאר גאר א ערנסטער ענין, גאר א טיפער ענין. וואס מער מ'איז מחשיב, מ'איז מכבד דעם ענין - איז מען מער מקבל פון דעם.

תִּקּוּן גָּדוֹל עַל-יְדֵי הָרִבּוּי בִּבְחִינַת בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ וְכוּ' וּכְתִיב, "בִּרְבוֹת צַדִּיקִים יִשְׂמַח הָעָם", **כִּי דַּיְקָא עַל-יְדֵי שֶׁדַּעְתָּם מְשֻׁנָּה זֶה מִזֶּה וְכֻלָּם נִכְלָלִים בְּדֵעָה אֶחָד לְהִכָּלֵל בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת רַבָּם, עַל-יְדֵי-זֶה יֵשׁ לָהֶם כֵּלִים נִפְלָאִים הַרְבֵּה לְקַבֵּל הָאוֹר הַגָּדוֹל** בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם.

כח. ראה ליקוטי הלכות

ווער רעדט שוין אז מ'דארף זיין זהיר צו דן זיין איינער דעם אנדערן לכף זכות; ווער רעדט שוין אז מ'דארף אכטונג געבן פון לשון הרע, נישט רעדן איינער אויפן אנדערן. די אלע זאכן - די תורה האט אונז געגעבן הלכות, אז מ'געבט אכטונג און מ'פירט זיך על פי תורה, איז דא א ברכה, איז דא סייעתא דשמיא. ס'קומט מיט א אמת. אידן וואס ווילן זיין מיטן אויבערשטן צוזאמען, דארפן שטארק אכטונג געבן – ס'איז א בנין דקדושה.

ס'זענען געווען אידן – איך האב געהערט מעשיות פון אידן - וואס מיט די חברים אין עבודת ה', טאמער איז עפעס ארויסגעגאנגען איין דיבור שלא כהוגן, האט מען אכטונג געגעבן נישט איבערצוּנעכטיגן א נאכט מיט קפידות; שוין אכטונג געגעבן זיך איבערבעטן, נאר נישט.. מ'האט אכטונג געגעבן, מ'האט געוואוסט אז ס'רעדט זיך פון א ערנסטע זאך, מ'דארף שטארק אכטונג געבן ס'זאל נישט נתקלקל ווערן. ווי האסטו געזאגט? אז דער בעל דבר איז אויך דא; מ'דארף שטארק אכטונג געבן.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל זוכה זיין זיך צו שטארקן, און די חבורה זאל בעז"ה מוסיף זיין, למעלה בקודש, און ברענגען גוטע פעולות, נאך מער בכמות ובאיכות, אין אלע ענינים, בסייעתא דשמיא. אמן!

פניני דחיי

אחדות

אידן קענען זיך באמת מאחד זיין ווייל זיי זענען נמשך פונעם אויבערשטן (דער "אחדות הפשוט"), און זיי האבן איין רצון: צו דינען אים און דערנענטערט ווערן צו אים.

די אחדות, די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, ווערט נתגלה דוקא דורכן ריבוי און חילוקי הדעות ("פעולות משתנות"), וואס זענען זיך מאחד אויף איין מטרה: צו דינען איין איינציגער באשפער.

א חבורה וואס חבר'ט זיך צוזאמען אויף צו דינען דעם אויבערשטן, דאס איז ממש גילוי שכינה. **"ברוב עם הדרת מלך"**: דורכן ריבוי פון נפשות ווערט נתגלה די אחדות פונעם אויבערשטן.

א חבורה

חבורות פון עולם הזה און פון אייגענע צרכים: **"גם אהבתם אינה כלום"**. ס'ווערט פון דעם גארנישט. א חבורה דארף זיין איין זאך: מען גייט צוזאמען געפינען דעם אויבערשטן, מען גייט אים מגלה זיין!

כל ימי גדלתי בין החבורות, איך קען אייך זאגן איין זאך: ווער ס'בויעט אויף אנדערע חיצוניות'דיגע זאכן איז מניח כוחותיו על קרן הצבי. נאר די מטרה הפנימית פון זיך אלטן צוזאמען אין יראת שמים און אידישקייט דאס בלייבט.

יעדע פאָר חברים האט דער אויבערשטער מזמין געווען. ס'קומט פון זיי ארויס א געוויסער גוון, וואס איז נצח נצחים.

א חבורה הייבט זיך נישט אן מיט ארויסגיין אין פעלד אדער פארמאכן א שבת אין מירון. דאס איז גוט און מוסיף, אבער א חבורה הייבט זיך אן מיניה וביה, ווען מען דינט דעם אויבערשטן צוזאמען.

בית הכנסת

מען דארף נישט קיין גרויסע פלענער. יעדער מעריב וואס מען כאפט ארויס צוזאמען איז כולו רווח. יעדע תפילה וואס מען דאווענט צוזאמען איז רווח נקי, וואס בלייבט לעולם ועד. "אלו דברים שאין להם שיעור", סיי למעלה סיי למטה. יעדער ביסל איז געוואלדיג!

דער כח התפילה איז דוקא בציבור. צוזאמען איז עס אינגאנצן א אנדער דאווענען. "בית הכנסת" הייסט אזוי, ווייל דער דאווענען איז מכנס די נפשות.

"סוף מעשה במחשבה תחילה": א ברסלב'ער שול איז אוועקגעגעבן געווארן

פארן רבי'ן, און דער רבי איז דער בעל הבית. ווער ס'שטעלט זיך צו צו וואס ער וויל, איז יונק פון הויכע פלעצער.

אהבת חברים

"ואהבת לרעך כמוך" גייט אויף יעדן איד, (און "לרעך" מיינט "לרעך במצוות"). צדיקים שפירן א קשר צו יעדן איד ממש. וואס מער מען ווערט דערהויבן, אלץ נענטער קומט מען צו ליבן האבן יעדן איינעם "כמוך" ממש.

אבער ס'איז דא א עקסטערע אזהרה אויף אהבת חברים. ביי חברים וואס זענען עוסק צוזאמען אין עבודת ה' (בפרט ווען מען האט איין רבי'ן), ווערט עס מער בהתגלות, מן הכח אל הפועל.

קוקט מען אויף א חבר ווי א טעכנישע-מגושם'דיגע זאך, קומט ארויס קנאה, שנאה און פירוד לבבות. דער עיקר חבר'שאפט איז גלייבן אין דעם חבר'ס נקודה, זיין חלק אלוק ממעל און די קדושה פון זיין פנימיות.

עזה כמות אהב"ה

"עיקר החיות הוא על ידי אהבת חברים". אין יעדן איד איז דא א נקודה טובה, בחינת צדיק, בחינת משה. דערפאר, ווען מען זעט זיך איינער מיטן אנדערן, איז מען "מקבלין דין מן דין".

"או חברותא או מיתותא", אהבת חברים קען צו קומען צו א דרגא אז פירוד צווישן איינעם און זיין חבר איז בחינת מיתה. ממש, "כי עזה כמות אהבה", ניחא צו שטארבן איידער די אהבה זאל קאליע ווערן. ס'ווערט אזא שטארקע אמת'ע אהבה, אזא אהבה קען מען נישט צושטערן!

ווי באקומט מען אזא געפיל? מען בעט דעם אויבערשטן מען זאל זוכה זיין צו גלייבן אז דאס איז דער אמת. מען דארף רעדן צום אויבערשטן פראסט און פשוט: "דו האסט אונז געגעבן אזא מתנה, העלף אונז זוכה זיין צו מקבל זיין די מתנה".

כלליות הגוונין

"כשם שפרצופיהם אינם שוים": יעדער האט זיין נאטור, און מען דארף אלע נאטורן. איינער איז משלים דעם אנדערן. אויף דעם איז דער כלל "על כל פשעים תכסה אהבה", ווען ס'איז דא אהבה איז עס מחבר און מאחד.

דאס איז די כלליות הגוונין פון תפילה: איינער שרייט, איינער דאוונט רוהיג, איינער דאוונט מיט א ניגון - און פון אלע צוזאמען קומט ארויס כבוד ה'.

ס'איז א פראבלעם צו מיינען אז איך ווייס וואס אלע דארפן. ער מיט זיין דעה און איך מיט מיין דעה, צוזאמען קומט ארויס א שלימות.

אנ"ן בחביבותא תליא

"אז מען וועט זיך האלטן צוזאמען, וועט איר מיר ממשיך זיין". די אהבה איז אז מיר זענען דעם רבי'נס מענטשן.

יעדער איינער איז א ענף, א טייערער חלק פונעם נשמת הצדיק. טרעפן זיך צוויי פון רבי'נס פעקל, איז דאס א צינור פון רבי'ן און מ'קען מקבל זיין א געוואלד!

אלץ וואס מיר האבן פון רבי'ן איז ארויסגעקומען פון ווינקעלעך וואו מען האט זיך צאמגענומען מיט אביסל אהבת חברים און אביסל אמת.

פשוט'ע חברים וואס גייען מיט תמימות קענען אראפברענגען א ליכטיגקייט וואס איז נישט צו גלייבן, דאס איז בדוק ומנוסה.

אונטערשטע שורה: דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל זוכה זיין זיך צו שטארקן און זיך האלטן צוזאמען מיט חברים און חבורות און צוזאמען דינען דעם באשפער. אזוי וועט מען באמת ממשיך זיין אויף אונז די געוואלדיגע הארה פון הייליגן רבי'ן, וואס וועט אונז ברענגען צו אלע גוט'ס.

בסייעתא דשמיא

עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה׳ בדרכו של רביה״ק, בקונטרסי ״רוחא דחיי״ היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה״ח ר׳ חיים בנימין וורטהיימר ז״ל

חסיד ברסלבי!

קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה״ק בעולם

לתרומות: נדרים פלוס/ נדרים פון **מספר קרן 6491 או** בקו רוחא דחיי **023024743 שלוחה 1<9**